STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01539

LAMTERN IN VINT

Itzik Manger

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Richard C. Blumenstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק מאַנגער

לאַמטערן אין ווינט

פון זעלבן מחבר :

שטערן אויפן דאַך

ליד און באַלאַדע

איציק מאַנגער

לאַמטערן אין ווינט

לידער און באַלאַדע

פאַרלאַג „טורעם", וואַרשע

1933

Copyright by M. ELKIN, New-York

ארויסגעגעבן ביי דער מיטהילף
פון ליטעראַטור-פאָנד ביים פאַריין פון יידישע
ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע

Printed in Poland

הילע געצייכנט ע. מיכאַלאָוויטש

Icyk Manger
Lamtern in wint
Wydawn. „Turem", Warszawa
Druk „Grafia", Nowolipki 7.

די לידער, וואָס זענען געזאַמלט אין דעם באַנד זענען נישט געאָרדנט כראָנאָלאָגיש און נישט געטיילט אין ציקלען.

מיט אומעטיקע הענט האָב איך זיי צעשליידערט איבערן גאַנצן שטח פונם בוך.

„לאַמטערן אין ווינט" הייסט דאָס בוך דערפאַר... גאָט מיינער, צי איז דען דער דיכטער מחויב אויסצוזאָגן אַלע זיינע סודות?

דאָס בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען —

דערפאַר, ווייל זי האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט די וווּנדערלעכע שיינקייט פונם יידישן פאָלקס־ליד.

דערפאַר, ווייל זי האָט אין מיר אַריינגעזונגען יענעם רעליגיעזן ציטער, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל אין קריטישע מינוטן געראַטעוועט מיין לעבן און מיין ליד.

ח ו ה מ אַ נ ג ע ר האָט זי געהייסן.

די אַבסורדן, ציניזמען און נידערטרעכטיקייטן זענען מיינע אייגענע.

מיט ליבשאַפט וויל איך דאָ דערמאָנען דעם שניידער־געזעל ל י ב ע ל ע ב ע ק ע ר, דעם ערשטן פריינט אין

מיינע פריע קינדעריאָרן, וואָס האָט אין מיר געוועקט דעם חוש פאַר לירישע שיינקייטן.

די לידער, וואָס ער האָט געזונגען אין מידע פאַרנאַכטן, האָבן מיר מיט מיין מאַמען שיער דאָס חיות אַרויסגעצויגן.

ער איז געפאַלן אין דער וועלט־שחיטה 1914.

אַ באַזונדערן דאַנק וויל איך דאָ אויסדריקן מיין חבר נ. אייבעשיץ, וואָס האָט מיט אַ סך ליבשאַפט און אייפער דורכגעפירט די טעכנישע אַרבעטן פון בוך.

א י צ י ק מ אַ נ ג ע ר

מיט שטילע טריט

מיט שטילע טריט אין געלן זאמד
גיי איך א קיניג אָן א לאַנד.
אין מיינע קליידער בילט דער ווינט
מיט רויטע צינגען, ווי די הינט.

דאָס ווייב, דער קרעמער, דער סאָלדאַט
זיי קראַקען הייזעריק: „פאַרראַט".
מיין שנאה, ווי א מעסער שאַרף,
וועט טרעפן דאָרטן, ווו מען דאַרף.

צעבראָכן איז איצט יעדער צוים –
איך בין א ווינט, איך בין א טרוים
און שליידער קעגן זונפאַרגאַנג
אַוועק מיין ווייטיק, ווי א שלאַנג.

וואָס זאָגסטו, ברודער נאָטל, האַ?
די קראָ וועט אייביק מאַכן „קראַ" –
די טבע פון אַזאַ פאַרשוין,
אַפילו ווען זי זעט א קרוין.

די קראָ, דער בירגער, דער סאָלדאַט
זיי קראַקען הייזעריק: „פאַרראַט".
אויף טויזנט שפיזן גייט דער קריג
און ווי אַן עפל פוילט דער זיג.

דער קריפּל הינקט אויף זיין געווין,
דער גרויסער מערדער גייט אַליין.
זיין שנאה, ווי אַ מעסער שאַרף,
וועט טרעפן דאָרטן, וווּ מען דאַרף.

אַ טונקעלע האַנט

אַ טונקעלע האַנט האָט איינגעקריצט
אַ פּראָגנאָזע איבער מיין נאַכט:
ביז איצט אַזוי און וואָס ווייטער איצט?
דורכן לעבן גייט מען נישט סתם אַזוי,
נישט אייביק קען מען זיך חברן מיט ווינט —
ס׳בענקט נאָך דיר אַ וויג,
ס׳בענקט נאָך דיר אַ קינד,
ס׳בענקט נאָך דיר אַ פרוי.
נישט אייביק קען מען זיך חברן מיט ווינט
און דורכן לעבן גייט מען נישט סתם אַזוי.

גאָט, מיין גאָט! מיינע בלייכע הענט
פיבערן נערוועז אויף מאָרד און רויב,
כאָטש מיין נשמה איז בלוי ווי דער אַפּריל
און וואָרקעט אין די נעסטן ווי אַ טויב.
מיינע אויגן זענען בלינד פון צופיל זען,
כליפּען זיי: „יינגל-זקן, גלויב.”
נאָר מיינע פינגער ציטערן נערוועז,
גרייטע אויף בלוט און מאָרד און רויב.

וויאַזוי-זשע קען איך קומען און זאָגן: דאָ,
אויף אָט דעם פּלאַץ, שטעל איך מיין געצעלט?
וויאַזוי קען איך זיך שפּילן מיט אַ טראָפּן ליכט
און זאָגן, אַז דאָס איז די גאַנצע וועלט?

וויאַזוי קען רויק אויף מיין ברוסט
שלאָפן דער קאָפּ פון אַ יונגער פרוי,
אַז מיינע פינגער ציטערן נערוועז
אַזוי... אַזוי... איך ווייס אַליין נישט וויאַזוי.

גאָט, וואָס דיין איינציקע גרויסקייט איז,
וואָס דו ביסט פון בראשית אָן אַליין,
זע! אין די פאַלדן פון דיין קלייד
וואַרף איך ווי אַ ממזר מיין געוויין.
טוליע עס, וואַרג עס, וויג עס איין —
וויאַזוי דו פאַרשטייסט, אַזוי איז גוט.
איך ווייס, אַז איך וועל איינגיכן פאַר דיר שטיין
און שפייען דיר אין פנים מיט מיין בלוט.

איך דער טרובאַדור

איך דער טרובאַדור, דער ווינט און די הור,
מיר שטייען ביים טונקעלען נאַכטלאַמטערן
און ווינקען מיט רויטע טיכלעך: אַדיע,
דו אונזער שלים-מזל, אונזער שטערן!
מיר גייען אויף תמיד אַוועק פון דאַנען,
נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער די בלומען וועלן פאַרוויאנען.

איך דער טרובאַדור, דער ווינט און די הור,
מיר האָבן די שיינקייט אין קעלער געבוירן.
איצט גייען מיר אַלע פאַרמאַטערט און מיד
פון אייגענעם גוף, פון די שטערן, דעם ליד
אַוועק צו די טונקעלע און שטילע־רע טויערן,
נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער דער האָבער איז צייטיק צום שניט.

און אפשר ווי שטילע און בלייכע איקאָנעס
אין ווייסע סעפטעמבער-נעכט וועלן מיר שטיין
אין אייערע ווינקלען, נישט געזען און אַליין,
און מיט טרויעריקע פינגער קלאַפּן, דערמאָנען,
אַז אונזערע לעבנס האָבן פאַרבליט,
נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער דער האָבער איז צייטיק צום שניט.

און איר וועט דאָס שטילסטע וואָרט באַלד דערהערן
און זיצן פאַרשאָטנט, פאַרטראַכט, ווי נישט הי,
און איבער אייך וועלן צעברענען זיך שטערן
און פאַלן וועט איר מיט פאָרכט אויף די קני —
פאַר די, פאַר די, פאַר אַלע די,
װאָס זייערע לעבנס האָבן פאַרפליט,
נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער דער האָבער איז צייטיק צום שניט,

די באַלאַדע פון דער זונה
און דעם שלאַנקן הוזאַר

שטייט די זונה ביים פענסטער און זינגט:
„הוזאַר, שלאַנקער הוזאַר!
דיינע אויגן בליצן הייס און שאַרף —
וואָס שטייסטו, דו נאַר?
מיינע בריסטן זענען ווייס ווי שניי —
וואָס גיסטו דערפאַר?".

„אַ בייטשל רויטע קרעלן ווי בלוט
גיב איך דיר, קינד.
לאָז איבער דיינע בריסטן מיין האַנט
גיין, ווי ס'גייט דער ווינט
איבער דעם זילבערנעם שפּיגל פון טייך,
וואָס בלענדט אים און מאַכט אים בלינד".

„דיין בייטשל קרעלן באַדאַרף איך נישט,
הוזאַר, שלאַנקער הוזאַר.
דיינע אויגן בליצן הייס און שאַרף —
וואָס שטייסטו, דו נאַר?
סאַמע גינגאָלד זענען מיינע האָר —
וואָס גיסטו דערפאַר?"

זאָגט דער הוזאַר: „איך גיב דיר, קינד,
מיין מאַמעס גאָלדענע טרער,
וואָס איז געפאַלן אויף מיין קאָפּ
ביים וועג צום מיליטער.
נעם זי און עפן מיר די טיר,
איך האָב שוין גאָרנישט מער".

די זונה נעמט אים פאַר דער האַנט
און פירט אים אין שטיבל אַריין.
אויפן טישל פינקלט רויט
אַ גלעזערן קריגל וויין.
די זונה שטייט אַ רגע און קוקט
און קוקט זיך אין אים איין.

„דער מאַמעס טרער האָט מיך דערלייזט.
דו האָסט מיך נישט דערקענט?
דיין שוועסטער בין איך, וואָס האָט די היים
געלעסטערט און געשענדט.
און איצט פאַרהוליע איך טרויער און גוף
צווישן דידאָזיקע ווענט".

„איז ביסטו מיין שוועסטער, מוזטו דערפאַר
באַצאָלן מיט דיין קאָפּ."
ער הערט, ווי ס'פיקט און פיקט אין שויב
דער טויט — אַ שוואַרצער ראָב.
דאָס מעסער בליצט — און צו זיינע פיס
פאַלט אַנידער איר קאָפּ.

און ס'בלוטיקט איר קאָפּ צו אים אַרויף:
„הוזאַר, שלאַנקער הוזאַר!

דיין מעסער און טרער האָבן מיך דערלייזט —
אַ דאַנק, אַ דאַנק דערפאַר".
און ס'שטאַרבן אירע ליפּן אָפּ:
„אַ דאַנק, אַ דאַנק, הוזאַר".

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי איז געשען אין יאַס דער שטאָט
אין טויזנט נײַנהונדערט אַכט.
מיין מאַמע האָט געזיפצט און געוויינט
דעריבער אַ גאַנצע נאַכט —
און איך האָב לזכר פאַר די צוויי
דאָסדאָזיקע ליד געמאַכט.

אַלטמאָדישע באַלאַדע

דאָס לידל איז אַלט. נאָר ס'שאַדט נישט,
אַז מען זינגט עס פון צייט צו צייט,
דערעיקרשט ווינטער ביים אויוון,
ווען ס'וואַרעמען זיך אָרעמע לייט
און ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

געהאַט האָט אַ קלעזמער צוויי קינדער,
צוויי טעכטער, שיינע ווי גאָלד.
איין צרה, וואָס ס'האָבן די טעכטער
דאָס טעלערל פון הימל געוואָלט.
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

די ערשטע אַ שטייגער — וואָס וויל זי?
אַ גראַף מיט אַ זילבערנעם שלאָס.
אַז אַ יידישע מויד ווערט משוגע,
איז עפּעס אַ קלייניקייט וואָס!
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

די צווייטע אַ שטייגער — וואָס וויל זי?
דעם קיניג פון בעמישן לאַנד.
נו פרעג איך אייך, איז דאָס אַ קלעזמער,
אַן אָרעמער קלעזמער אימשטאַנד?
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

פליט אַ וואָך, פליט אַ יאָר, פליען יאָרן.
דער קלעזמער ווערט אַלט און ווערט גראָ,
און אַט-אַט-אַט פילט ער געגעגנען
די לעצטע און טונקעלע שעה.
און ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

אויפן גאַניק נאָר זיצן די טעכטער,
די אויגן געווענדט צו דעם שליאַך,
ביז ס'פאַלן די גאָלדענע שטערן
אַראָפּ פונם הילצערנעם דאַך.
און ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

„וואָס זעסטו דאָרט, מינדל?״ — „אַ וואָלקן״.
„ניין, ניין, ס'איז אַ טשערעדע שאָף״.
„אַ טעות, איך זע דאָרט צוויי רייטערס.״
שלאָף, אַלטינקער קלעזמערל, שלאָף.
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

„צוויי רייטערס? באמת... איך זע זיי,
זיי קומען אַלץ נענטער אַהער.
איינער ווינקט מיטן טיכל... דער צווייטער...
ווער, מיינסטו, ווער זענען זיי, ווער?״
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

„זע, מלכה, איך זע שוין זיין פנים.
ס'איז דער גראַף פונם זילבערנעם שלאָס.
ער טראָגט אַ מונדיר פון אַ יעגער,
אַ גרינעם אַזאַ, ווי דאָס גראָז״.
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

„זע, מינדל, איך זע שוין זיין פּנים,
ס׳איז דער קעניג פון בעמישן לאַנד.
דער זיגל־רינג פון דער מלוכה
פינקלט ביי אים אויף דער האַנט״.
ס׳ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

„אַ נעץ פון גינגאָלדענע פעדעם
ציט זיך פון זיי ביז אַהער.
זע, מינדל, איך זע שוין נישט גאָרנישט,
אַ חוץ מיין אייגענע טרער
און ווי ס׳ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך״.

„אַ ברוק פון די טייערסטע שטיינער
ציט זיך פון זיי ביז אַהער,
זע, מלכּה, איך זע שוין נישט גאָרנישט,
אַ חוץ מיין אייגענע טרער
און ווי ס׳ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך״.

ביינאַכט. אויפן הילצערנעם גאַניק
צוויי ווייסע געבויגענע קעפּ
וויגן זיך מידע אין שאָטן.
אַ ציגייגערל שפּילט אויף די טרעפּ:
„ס׳ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך״.

דאָס לידל איז אַלט. נאָר ס׳שאַדט נישט,
אַז מען זינגט עס פון צייט צו צייט,
דערעיקרשט ווינטער ביים אויוון,
ווען ס׳וואַרעמען זיך אָרעמע לייט
און ס׳ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

די באַלאַדע פון דעם הויקער

אויפן מאַרק־פּלאַץ שטייט אַ הויקער
און ער שטאַמלט צו די דעכער:
„ויהי ערב, ויהי בוקר".

אויפן דאַך פון טורעם זיצט אַ סילועט
מיט אַ צווייטן שאָטן טעט־אַ־טעט.

„מאַדאַם, די נאַכט איז טיף און קאַלט
און ס'שמעקט פון איר מיט תּליה און מיט וואַלד".

אַ רגע ציטערט, רוישט די קרינאָלינע
און די מאַרקיזע כליפּעט אין סורדינע:

„מאַרקיז, טיר און טויער זענען צוגעמאַכט —
ווּ וועלן מיר איבערשלאָפן די נאַכט?

דער זייגער קלינגט דאָס דריטע מאָל: „שוין שפּעט"
און קיינער האָט פאַר אונז געגרייט דאָס בעט.

אַפילו די שוועסטער האָט ערב נאַכט
די טירן און די פענסטער צוגעמאַכט".

שמייכלט דער מאַרקיז: „דער מענטש, דער נאַר
גייט אויס נאָך אונז פאַר בענקשאַפט און פאַר צער.

און אַז מיר קומען, ציטערט ער פּאָר שרעק
און טרייבט אונז מיט אַ שפּרונג פון זיך אַוועק".

ציטערט די מאַרקיזע ווי אַ קינד
און אפשר, ווער ווייסט, ווי אַ בלאַט אין ווינט.

און איבער די דעכער פלאַטערט איר ליד,
ווי אַ זילבערנער פויגל, פאַרמאַטערט און מיד:

„ווער וועט דער ערשטער מיר געבן די האַנט,
דער בלייכער מאַרקיזע פון דעמערלאַנד?"

שמייכלט דער מאַרקיז און לאָזט איר געוויין
איבער זיך ווי אַ גאָלדענעם רעגן גיין.

— — — — — — — — — — —

אויפן מאַרק-פלאַץ שטייט אַ הויקער
און ער שמייכלט צו די דעכער:
„ויהי ערב, ויהי בוקר".

די נאַכט די שוואַרצע

די נאַכט, די שוואַרצע פעלדערמויז,
הענגט איבער מיר, דעם לעצטן וואַנדאַל.
איך האָב פאַרפייניקט אַ קראַנקן גאָט —
איצט וואַש איך דאָס בלוט אַראָפּ פון קינזשאַל
ביים ערשטן זילבערנעם וואַסערפאַל.

די נביאים גייען אַרום אין לאַנד,
אַש אויף די קעפּ און די קליידער צעריסן —
און קלינגען אין די גלעקער פון געוויסן.
און ווייסע בתולות מיט צווייגן אין די הענט
פילן אָן דאָס לאַנד מיט תפילה און געוויין.

און איך — אויף אַן איינזאַמען פעלזנשטיין
שפּיל זיך מיטן ברוינעם סעפּטעמבער־ווינט.
ביינאַכט וועל איך שלאָפן אויף אַ קופּע היי —
און מיר צופיסנס וועלן שלאָפן מיינע הינט.

ווי אַ מערדער

ווי אַ מערדער מיטן מעסער אין דער האַנט,
וואָס וואַרט אויף זיין קרבן שפּעט ביינאַכט,
וואַרט איך אויף דיינע טריט, מיין גאָט.
זע, דיין גענאָד האָט נאָך קיינמאָל נישט געלאָכט
צו מיר, דעם אייניקל פון איסקאַריאָט.

דאָס בלוט, וואָס ברענט אויף מיינע הענט
פון דיינע נביאים, בין איך גרייט
צו באַצאָלן מיט מיינעם: — כאָטש דער פרילינג בליט
און ס'כישופט דער פאַסטוך מיטן זילבער פון זיין פלייט,
און כאָטש קיינער רופט מיך צום פאַרענטפער ניט.

נאָר איינמאָל דיך זען! נאָר איינמאָל זאָל
איך וויסן, צי דו ביסט באמת דאָ,
אַז דו קרוינסט באמת דעם צדיק מיט דיין ליכט
און אַז דיין הימל איז באמת בלאָ —
און איך וועל באַהאַלטן פאַר בושה מיין געזיכט.

און איך וועל די דרייסיק זילבערשטיק
צעוואַרפן אויף הפקר מיטן ווינט,
און איך וועל באָרוועס צו דיר גיין צוריק
און וויינען פאַר דיר, ווי ס'וויינט אַ קינד,
וואָס טראָגט אויף זיך די שווערע קרוין פון זינד.

ווי אַ מערדער מיטן מעסער אין דער האַנט,
וואָס וואַרט אויף זיין קרבן שפּעט ביינאַכט,
וואַרט איך אויף דיינע טריט, מיין גאָט.
זע, דיין גענאָד האָט נאָך קיינמאָל נישט געלאָכט
צו מיר, דעם אייניקל פון איסקאריאָט.

די באַלאַדע פון דעם אַלטן גראַף

איך ווייס, און אפשר ווייס איך נישט —
אפשר האָב איך זיך בלויז איינגערעדט:
ס׳איז דאָ געווען דער אַלטער גראַף,
ביינאַכט געשטאַנען ביי מיין בעט.

ער האָט געזאָגט: „דו הערסט די קראָ,
וואָס פלאַטערט הייזעריק אין ווינט?—
ס׳איז זי, ס׳איז זי, מיין גאָלדן גליק,
מיין טאָכטער און מיין איינציק קינד.״

זי שטעלט זיך יעדע מיטן-נאַכט
אַנידער אויף מיין קראַנקן דאַך
און מיט דעם מינדסטן „קראַ״ וועקט זי
מיך פון דעם טיפסטן חלום וואַך:

„דו האָסט געטויט דעם פישער-יונג
און מיט דעם מעסער מיך געטויט.
זע, אויף דיין יעדן פינגער בליצט
אַ טראָפּן בלוט, ווי פייער רויט״.

דערציילט האָט דאָס דער גראַף און ס׳האָט
געציטערט אין זיין האַנט דער הוט,
און כ׳האָב געזען אויף יעדער האַנט
צוויי רויטע זיגלען, ווי פון בלוט.

ער האָט געזאָגט: „כ׳האָב זיי געטויט.
זיי האָבן זיך צו ליב געהאַט.
איצט זאָג, פּאָעט, צי קען איך נאָך,
אויסקויפן יענע בייזע טאַט?״

איך האָב געזאָגט: „פאַראַן אַ שטריק,
פאַראַן אַ טאָפּאָל און אַ ווינט.
זיי אַלע דריי נאָר קענען דיך
אויסקויפן פון דיין שווערער זינד״.

ער איז אַוועק מיט שטילע טריט,
געהויקערט ווי אַ גראָ געוויין,
און קיינער האָט דעם אַלטן גראַף
פון דענסטמאָל מער אין דאָרף געזען.

איך ווייס, און אפשר ווייס איך נישט —
אפשר האָב איך זיך בלויז איינגערעדט:
ס׳איז דאָ געווען דער אַלטער גראַף,
ביינאַכט געשטאַנען ביי מיין בעט.

איך בין דער האַרבסט

איך בין דער האַרבסט און טרייב אַהיים
די מידע סטאַדע שוואַרצע שאָף
און פאַרריגל זי אין שטאַל
אויף שטרוי אויף גאָלדענעם און שלאָף.

וואָס זאָגט דער ווינט צום עפּלבוים?
וואָס זאָגט דער שטערן צו דער נאַכט?
וואָס זאָגט דער גייער אויפן וועג,
וואָס גייט אַ טרויריקער און לאַכט?

זיי זאָגן, אַז דו ביסט דער האַר,
דער שטילסטער קיניג פונם לאַנד
און זייער גורל ליגט ביי דיר
אַ רויטער פאָדים אין דער האַנט.

— גיי, זאָג זיי, אַז איך בין גערעכט
און אַז איך שפּיל דאָ אויף מיין פלייט
דעם צער פון אַלע מידע טריט,
וואָס גייען צו מיר שטילערהייט.

— וואָס פינקלט דאָרט אין יענער שויב?
— אַ ליכט... אַ געל, דערשראָקן ליכט...
— סעפּטעמבער-ווינט, דו גאָלדן קינד,
וואָס וויל פון מיר דאָס געלע ליכט?

— מאַרושקאַ די ציגײַנערטע
זי שפּינט פֿאַר דיר דאָס רעגן־העמד.
זי האָט דיך ליב נאָר, ווײַל דו ביסט,
ווי זי, אַ פֿרעמדער אין דער פֿרעמד.

— גיי זאָג איר, אַז איך האָב פֿאַר איר
די שענסטע עפּל אָנגעגרייט,
אַ שנירל רויטע קרעלן און —
אַ דין און פֿאַרביק וואָלקן־קלייד.

גיי זאָג איר, אַז איך האָב זי נישט
געקענט, נאָר תּמיד זי געזאַנט
און אָפֿט אין חלום מײַנעם, אָפֿט
געפֿילט איר הייסע ברוינע האַנט.

גיי זאָג איר, אַז איך קום צו איר
און אַז איך האָב פֿאַר איר געגרייט
דעם שענסטן ניגון, — נאָר ער שלאָפֿט
דערווײַל נאָך אין מײַן ברוינער פֿלייט.

שפּינט די גראָע דעמערשפּין

שפּינט די גראָע דעמערשפּין
ווייסע מידקייט אין איר שלייער.
ציגיינער ציגנדט אין סטעפּ אַ פייער
און מורמלט ווערטער אָן אַ זין.

לויפט דער וועג אַהער, אַהין
און די נאַכט אין גלחס גאָרטן
ווארפט מיט פלינקע הענט די קאָרטן
דער יונגער שלאַנקער קיניגין:

„דאַמע קרייץ און מלך פּיק —
האַרבסטיק־רויטע בלעטער פאַלן,
לעמער וויינען אין די שטאַלן —
מלכה, האָסט פאַרשפּילט דיין גליק".

איילט אַ ייד אין שול זיך פרום,
פּלאָנטערט ער און קען נישט גיין,
פאַרלויפט זיין באָרד מיט רויט געוויין —
קערט ער זיך דערשראָקן אום.

מאַך דאָס בלויע פענסטער צו —
פייערווערים אויף די צווייגן
פינטלען ליכט אויף אונזער שווייגן
און צעשטערן אונזער רו.

פאַרהאַנג ציטערט. לאָמיר שטיל
דאָס באָרוועס־גיין פון האַרבסט דערהערן,
שפּיל פון נאַכט און ווינט און שטערן —
טרויער־שפּיל, באַדויער־שפּיל.

זע, אין האַרץ פון מיטן־וואַלד
פינקלען גרינע אויגן — וועלף.
שרייט אַ וואַנדערער: „גאָט העלף!"
נאָר די נאַכט איז שטום און קאַלט.

פאַר זיין גלויבן אין די שטערן
קומט ער איצטער אָפּ זיין שטראָף.
וויין נישט, מלכה. דיינע טרערן
וועלן ברענען אין מיין שלאָף.

שפּיטאָל-באַלאַדע

אויפֿן באַרג טונקלט דאָס שפּיטאָל,
זיבן בעריאָזקעס לויכטן אין טאָל.

שטילער, מטורף! דו הערסט, מען גייט
טריט באַרג-אַראָפּ — אַש פֿון פֿרייד.

צוויי קראַנקן-שוועסטערס פֿון שפּיטאָל
פֿלאַטערן ווי פֿייגל אַראָפּ אין טאָל.

בלייבט די ערשטע אַ רגע שטיין:
„ס'אַרא וווּנדער ס'איז צו זיין אַליין".

שטאַמלט די צווייטע, ווי נישט היי:
— איך בין אַ זילבערנע מעלאָדי,

פֿון אַן אַלטן ציגיינער אויסגעטראַכט
צום בלעטער-פֿאַלן פֿון אַ סעפּטעמבער-נאַכט.

שטאַמלט די ערשטע שוועסטער: „איך בין
אַמאָל געווען אַ בלויע שפּין.

איצט בין איך די קיניגין פֿון סאַנסיבאַר
און קאַטעווע ביז בלוט מיין אַלטן נאַר,

וואָס האָט מיט אַ פולן מויל מיט פרייד
אַ פלעק געמאַכט אויף מיין זיידן קלייד.*

אויפן באַרג פאַרלעשט זיך דאָס שפּיטאָל,
זיבן בעריאָזקעס לויכטן אין טאָל.

שטילער, מטורף! דו הערסט, מען גייט
טריט באַרג-אַראָפּ—אַש פון פרייד.

אַ נאַקעטער מענטש אין צעפּאָרענע שיך
לויפט און שטאַמלט אַריין אין זיך:

— איך בין אַ פאַרלוירענע ליקוי-חמה
און האָב נישט קיין טאַטע מאַמע.

וו איך זאָל נישט גיין, ווו איך זאָל נישט שטיין,
בין איך ווי דער רעגן אַליין.

זאָגט די ערשטע שוועסטער: — ליקוי-חמה, קום
און נעם מיך מיט ביידע הענט אַרום.

איך בין דער ניגון ביי דיין קינדערוויג,
וואָס האָט דיך געוויגט אַהין און צוריק.

זאָגט די צווייטע שוועסטער: — ליקוי־חמה, קום,
און נעם מיך מיט ביידע הענט אַרום.

איך בין דער שמייכל פון פאַרכישופטן קינד
און דאָס קלענסטע שוועסטערל פון סעפּטעמבער-ווינט.

וויינט דער נאַקעטער: „ווו איך זאָל נישט גיין,
בין איך ווי דער רעגן אַליין".

אויפן באַרג לויכט אויף דאָס שפּיטאָל
און די זיבן בעריאָזקעס פאַרלעשן זיך אין טאָל.

די באַלאַדע פון דעם ייד
וואָס איז געפאָרן אויפן יריד

קנאַקט מיטן בייטשל דריי מאָל דער ייד:
„וויאָ, פערדעלעך, וויאָ!" — און אַוועק צום יריד.

ער גלעט זיך דאָס בערדל פאַר נחת און פרייד:
די כלה איז גרייט און דער נדן איז גרייט.

„וויאָ, פערדעלעך, וויאָ! איר האַרצינקע מיין,
נאָך חתונה־קליידער און ראָזשינקע־וויין!"

די פערדעלעך לויפן. אַ סומנע געוויין
לויפט נאָך נאָכן וואָגן: „ניין, טאַטעשי, ניין".

נאָר ס'שמייכלט דער ייד, ווי ער וואָלט נישט
געהערט,
און הינטער אים לויפט ווי אַ שנירל די ערד.

אַ טייכל... אַ בריקל... אַ בוימל... פאַרביי —
זינגט זיך דאָס יידל: „טאַמדערעדאַי".

די פערדעלעך לויפן. די נאַכט אָטעמט קאַלט
און מישט זיך צענויף מיטן רויש פונם וואַלד.

אַ טייכל... אַ בריקל... אַ בוימל... פאַרביי —
זינגט זיך דאָס יידל: „טאַמדערעדאַי"

די פערדעלעך לויפן. די נאַכט אָטעמט קאַלט
און שיקט אים אַנטקייגן די ערשטע געשטאַלט:

„סוחרל מיין, סוחרל פיין,
כ'האָב דיר געבראַכט אַ קריגעלע וויין".

פאַרשווינדט די געשטאַלט. קומט אַ צווייטע צו גיין
געבויגן און בלייך, ווי אַ ווערבע-געוויין:

„כ'האָב פאַר דיין טאָכטער גענייט און געגרייט
פון סאַמעט און אַטלעס דאָס חתונה-קלייד".

פאַרשווינדט די געשטאַלט. קומט אַ דריטע צו גיין
מיט אַ קריגעלע אַש און בלייבט טרויעריק שטיין:

„סוחרל מיין, סוחרל פיין,
ווו האָסטו געלאָזן דאָס טעכטערל דיין?

דאָס וואַסער פון טייכל איז אומעטיק-קלאָר,
דאָרט האָט זי געוואַשן די גאָלדענע האָר.

דאָס וואַסער פון טייכל איז אומעטיק זיס,
דאָרט האָט זי געוואַשן די קלאָר-ווייסע פיס".

און איידער די דריטע געשטאַלט פאַרשווינדט,
צעשיט זי דאָס אַש אויפן קאָפ פונם ווינט.

- - - - - - - - - - - - - - - -

וויאָ, פערדעלעך, וויאָ, איר טרויעריקע מיין,
נאָך חתונה-קליידער און ראָזשינקע-ווייַן!

איך בין דער וועג קיין מערב

איך בין דער וועג קיין מערב,
דער בלאָנדער זונפאַרגאַנג,
דאָס ברוינע פאַסטוך־פייפל,
דער מידער אוונט־קלאַנג.

גיי מיר נישט נאָך, מיין חבר —
מיין גיין איז אַ פאַרגיין;
הענג נישט דיין יונגן גלויבן
אויף מיין בלוי געוויין.

מיין שיינקייט איז אַ מעסער,
וואָס שניידט אין האַרץ אַריין,
מיין צער — צוויי בלויע ליפן
איבער אַ קריגל וויין.

מיין בענקשאַפט — אַ ציגיינער
אין נאכטיש־ווילדן סטעפּ,
אַ טויטע ווייסע מאַמע
אויף טונקעלע אָוונט־טרעפּ.

גיי מיר נישט נאָך, מיין חבר —
מיין גיין איז אַ פאַרגיין;
הענג נישט דיין יונגן גלויבן
אויף מיין בלוי געוויין.

מיין תאווה — אַ יונגע נאָנע,
וואָס שטייט נאַקעטביים אַלטאַר
און שטרעקט ירע הייסע בריסטן
צו איר בלאָנדן נאַר.

מיין פרייד — אַ רעגנבויגן,
וואָס שימערט אין זונענגאָלד
און איז תמיד גרייט צו שטאַרבן,
וויבאַלד מען האָט זי האָלד.

מיין שנאה — אַ ווילדער רייטער,
וואָס האַלט אין האַנט אַ שטריק,
נאָר שטאָט דעם שונא וואַרגט ער
נאָר דאָס אייגענע גליק.

גיי מיר נישט נאָך, מיין חבר —
מיין גיין איז אַ פאַרגיין;
הענג נישט דיין יונגן גלויבן
אויף מיין בלוי געוויין.

האַרבסט־באַלאַדע

מיין זיידע דער ערצבישאָף יאָהאַן מאַנגער
נידערט אַראָפּ פונעם קלויסטערבאַרג.

הויך און מאָגער איז זיין געשטאַלט
און שמעקט מיט נאָוועמבער אין וואַלד.

הער איך מיין אַלטן זיידן גיין,
פאַרוואַנדל איך זיך אין אַ בלוי געוויין

פון אַ פאַסטוך, וואָס האָט זיין פייפל פאַרלוירן
צווישן יולי־ווינט און יולי־קאָרן.

ברומט דער זיידע: „אייניקל פאַרשייט,
ביסט נישט צו גאָט און נישט צו לייט!"

און ער שטרעקט אויס זיין מאָגערע האַנט צו מיר
און וויל מיך שלעפן אין אַ מאָנאַסטיר.

פאַרוואַנדל איך זיך אין אַ טייך געשווינט,
וואָס רינט דורך האַרבסטיקע פעלדער און רינט.

ברומט דער זיידע: „אייניקל פאַרשייט,
ביסט נישט צו גאָט און נישט צו לייט!"

און ער שטרעקט אויס זיין מאָגערע האַנט צו טיר
און וויל מיך שלעפּן אין אַ מאָנאַסטיר.

פאַרוואַנדל איך זיך אין אַ קלויסטער־קלאַנג
און ציטער אויף אַ ווערבע טיף און לאַנג.

שמייכלט דער זיידע און לאָזט זיך גיין
מיט צופרידענע טריט צוריק אַהיים:

„מיין אייניקל איז אַ קלויסטער־תּפילה,
און די זשידלאַקעס ווייסן נישט אפילו".

אָקטאָבער

אָקטאָבער. מיין נשמה איז מיד.
דאָס נאַכט-ליד
פלאַטערט ווי אַ שוואַרצע פלעדערמויז
איבער דעם קליינעם הויז,
ווי דו וווינסט אינאיינעם מיט דער בלויער שפין,
דו יונגע שלאַנקע קראַנקע קיניגין!

איך פלאָנטער דורך די גאַסן. דער האַרבסט,
אַן אַלטער מידער ציגיינער,
שפּילט מיט אַ געלער ציטערנדיקער האַנט:
„די וויאַנעגדיקע שיינקייט פון דעם לאַנד
איז מיינע און דיינע, לי-טאַי-פּע,
דו שלאַנקער שיכּורער פּאָעט פון כינע!
באַטש דיין מדינה
איז מיילן-ווייט, און די לבנה און דער טויט
האָבן דיך אין זייער כשוף-קרייז געפאַנגען.

„שיר השירים" — דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען
זשומעט אין מיין אַלטער מאַנדאָלין
ווי אַ גאָלדענע בין,
ווי דאָס זיידענע קלייד פון דער קיניגין,
וואָס לאָזט פלאַטערן אירע האָר אין ווינט,
אַ זילבערנער נעפל קושט אירע זינד,
וואָס בליען ווי אַ בינטל רויזן אין איר האַנט..."

סטאָפּ, ציגיינער, סטאָפּ!
כ׳האָב זיך דערמאַנט,
אייגנטלעך שטאַם איך פון אַן אַנדער לאַנד,
גאָר די גאָלדענע שטערן האָבן מיך פאַרפירט
אין מלכות פון די קרעמער מיט די קרומע נעז.
מיין מאַנטל פלאַטערט
טרויעריק און שיין איבער פרעמדע וועגן.
איז ווען קען איך פרעגן,
וואָס פאַרוואָס ס׳פירט צוריק
צו די בלויע וואַסערן, צום פאַרלוירענעם גליק?

אָקטאָבער.
מיין נשמה איז מיד
און די הויזן צעריסן
און דער ווינט, דער היימישער באַלעבאָס,
קושט מיך צערטלעך אין ווי־הייסט־מען־דאָס
און פרווט מיך טרייסטן
מיט אַ מעשה פון אַ פרינץ אַ דערלייזטן,
וואָס האָט נאָך וואָגל און וואַנדער געפונען זיין היים.
וואָס אמת, איז אמת: די מעשה איז ווונדערלעך שיין —
אָט אין אַ גאָלדענעם פאַלאַץ און אָט
אין אַ כאַטע פון ליים.

אָקטאָבער, מיין נשמה איז מיד
און דעמערט ווי אַ פויגל, ווי אַ ליד
אויף דיין קאַלטער און פרעמדער האַנט
— — — — — — — — — — — — — — —
מיר זענען פרעמד די ווערבעס פון דעם
דאָזיקן לאַנד!

סעפטעמבער

סעפטעמבער. אויפֿן האַרבסטיקן באַלקאָן
זיצט די קליינע פּרינצעסין לי.
וואָס וויל זי
פֿון דער לבֿנה, וואָס פֿינקלט רויט
אויף איר זילבערנעם דאַך?

זי פּלאַפּלט אינטים מיטן טויט,
וואָס וואָגלט אַרום אויפֿן שליאַך
און שפּינט צו איר זיינע וועגן;
זי פּלאַפּלט אינטים מיטן רעגן,
וואָס ליגט אין אַ וואָלקן געפֿאַנגען.

דער דיכטער טו-פֿו איז אַוועקגעגאַנגען
קלויבן די האַרבסטיקע שטערן אין וואַלד,
באַזינגען די האַרבסטיקע שיינקייט פֿון ווינט.
נאָר דעם האַרבסט, וואָס בליט אין מיין געשטאַלט
און פֿינקלט מיט גאָלד אויף מיינע הענט,
האָט ער נישט געזען און נישט דערקענט.

סעפטעמבער. אויפֿן האַרבסטיקן באַלקאָן
זיצט די קליינע פּרינצעסין לי.
וואָס וויל זי
פֿון דער לבֿנה, וואָס פֿינקלט רויט
אויף איר זילבערנעם דאַך?

זי וויל אַ סך, אַ סך
הערן, זען און פֿאַרשטיין.
למשל — דאָס געוויין,
וואָס שלאָפֿט אין אַ האַרבסטיקער פֿלייט,
וואָס אַ פֿאַסטוך האָט פֿאַרלוירן
אויפֿן וועג צום קיניגרייך פֿון די זיבן טרויערן.

למשל דאָס נאָגנדיקע וואָיען פֿון וועלף
צו די שטערן אַרויף
אין אַ ווייסער סעפּטעמבער-נאַכט
און די נשמה פֿון דעם הייליקן מאַנדאַרין,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געוויינט און נישט געלאַכט.

למשל דעם ציטער פֿון איר זיידענעם קלייד
ביים מינדסטן באַריר
פֿון אַ ווייסער סעפּטעמבער-נאַכט.
און צוואָס האָט דער שיכּור, דער פּאָעט פֿון יאַס
זי אינגאַנצן אויסגעטראַכט?
און וואָס איז דער מיין, וואָס ער האָט דערביי
געמיינט?

— — — — — — — — — — — — — — — —

פּסס... די קליינע פּרינצעסין וויינט.

דעמערונג־באַלאַדע

זיצן זיבן אַלטע יידן אויף גראָע טרעפּ
און וויגן שווער אין ווינט די ווייסע קעפּ.

הינטער זיי דער קאַרשנבוים צעבליט
מיט פרילינג, מיט חלום און מיט צוויט.

אַ פלאַטערל — אַ גאָלדענער טראָפּן ליכט
פלאַטערט פאַרביי פאַר יעדערנס געזיכט.

אַ גאָלדן בלענדעניש, פון קיינעם נישט דערגרייכט,
און אַלטע אויגן ווערן אומעטיק און פייכט.

הויבט איינער פון די יידן אויף די האַנט:
„קינדער, אָן עפּעס זיך דערמאַנט... דערמאַנט...“

און די דערמאָנונג פינקלט ווי אַ קרוין.
„איין רגע... וואַרט... און אַט פאַרגעסן שוין“!

זיבן ווייסע בערד ציטערן מיד —
נאָוועמבער־גאָלד, נאָוועמבער־צער, נאָוועמבער־ליד.

זיבן ווייסע קעפּ — ליכטיקע, ווי שניי,
און איינער הויבט דעם פינגער אויף: אָט זע!

אַ סוחרל שטייט אין סאַמע מיט פון מאַרק
און גלאָצט פאַרגאַפט אַרויף צום קלויסטערבאַרג.

ווו ס׳פינקלט אַ גאָלדענע קרוין און ברענט
די אָוונט-זון. דאָס סוחרל שטרעקט די הענט

אַרויף, אַרויף. די קרוין נעמט לעשן זיך, פאַרגיין
און לאָזט דאָס סוחרל אַליין מיט זיין געוויין.

זיבן אַלטע יידן שמייכלען אומעטיק און קלוג
און איינער גיט אַ טרונק פון דעמער-קרוג.

אַ צווייטער שטעלט זיך אויף, ס׳פינקלט זיין געוואַנט
און ער דאַוונט מערב פאַר דער טונקעלער וואַנט.

און אַלע, אַלע שטייען פאַרכטיק און פאַרטראַכט
און שפּרינגען דריי מאָל קדוש קעגן נאַכט.

פון פראָסטן לייוונט

פון פראָסטן לייוונט איז מיין געצעלט.
סעפטעמבער! אויף דיין גאָלדענעם האָרן
שפּיל איך אויס דעם טרויער פונם פעלד.

אַ ווייסער האָז ליגט אין מידן קאָרן
און האָרכט, הערט די אויערן אויפגעשטעלט.
זיין פחד, מיין טרויער און דאָס ליד —
דריי בלאָע שאָטנס אין אַ ווינקל וועלט.

סיפיליס

נאָוועמבער. אויפן ליכטיקן בולוואַר
אַ יונגערלייט ענאַנט. שאַרפער, דינער רעגן.
אַ שלאַנקע דאַמע פלאַטערט אים אַנטקעגן,
אַהעפטן זיך די שאָטנס אויפן טראָטואַר.

אין אירע אויגן בליט אַ בלאָנדער צער.
נאָר אירע ליפּן שמייכלען און זיי פרעגן:
„הער לייטנאַנט, אַזוי שפּעט ביינאַכט אין רעגן?״
אַ רויטער בליצלאָמפּ ווינקט אַריין אין באַר.

ליכט. מוזיק. אַן אַלטער דיריגענט
אין שוואַרצן סמאָקינג שליידערט מיט די הענט
אַ ווילד געוויין נאָך ליבע און נאָך גליק.

אויף אַ מאַרמאָרטישל צוויי באָקאַלן ווייַן.
דער לייטנאַנט קוקט זיך אין זיין דאַמע איין —
און שוידערט אויף און פאַלט אין זיך צוריק.

שלימזל

די פרוי אָן האָר שטייט ביים קילן שפּיגל
און ליינט מיט טרערן דורך איר יחוס-בריוו.
דער ברוינער פּאַריק הענגט אַ ביסל שיף
און אויף איר לעבן ברענט אַ שוואַרצער זיגל.

אַנטקעגן אין שענק „צום גאָלדענעם קריגל"
שיכּורט אַ יונגער און ווילדער פּאָעט.
ער האָט זיך מיט אַ סעפּטעמבער-נאַכט פאַרוועט,
ווער פון זיי ס'האָט שטאַרקערע פליגל.

דער אומזין קריכט ווי אַ שוואַרצע שפּין
און ציט זיינע פעדים אַהער, אַהין —
אַ דעמער-שפּיל פון ווייַן און פּעטש און טרערן.

אַ ברוין ציגיינערל קניט און בעט ביים ווינט
מיט טרערן פון אַן אכזר און אַ קינד:
„גיב אָפּ, שלימזל, מיינע גאָלדענע שטערן".

מאָדנע שטיל

דאָס בלאָנדע מיידלביים שפּינראָד טראַכט:
„ווי מאָדנע שטיל די זון פאַרגייט."
און ס'כּישופט אַ פּאַסטוך פון זיין ברוינער פלייט
אַרויס אַ ווייסע שטערן־נאַכט.

שוין לאַנג, שוין לאַנג האָט זי נישט געלאַכט.
אין בלומענטאָפּ שטאַרבט אַ לעצטע פרייד,
אַ גאָלדענע טרער פינקלט אויף איר קלייד
און מאָדנע שטיל שטייט נעבן איר די נאַכט.

און מאָדנע שטיל קוקן זיךביידע אָן
(אין גאָרטן האָט פאַרבליט דער רויטער מאָן)
און מאָדנע שטיל ציטערן זייערע הענט:

„שוועסטער, דו ווייסט?" – און אָפּגעהאַקט.
דער געלער וואַנטזייגער טיקט און טאַקט
און ס'וויאַנען די שאָטנס אויף די ווענט.

איציק מאַנגער

ער האָט ליב די שטערן, ווייל זיי זענען פרעמד,
און האָט פיינט דאָס אייגענע טרויעריקע ווייב.
ער פאַרגוואַלטיקט יעדע נאַכט איר ווייסן לייב
און צערייסט פאַר כעס אויף זיך אַליין דאָס העמד.

לויטן מיליטער-רעגיסטער איז ער אַ פשוטער סאָלדאַט,
ציוויל — אַ ווילד-צעבליטער עפּלבוים;
אין חלום פאַרברענט ער קאַרטאַגאָ און רוים
און געפינט די פרינצעסין, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט.

היסטערישע פרויען זאָגן, ער איז שיין,
און פאַראָטן אים און לאָזן אים אַליין.
זיין טרויערקלייד איז תמיד שאַרלאַך-רויט.

ביי אַ גלעזל ווייַן ווערט ער סענטימענטאַל
און זינגט רומענישע דאָינעס, די שענסטע פון איבעראַל,
און איז מקנא נאָוואַליסן פאַר זיין שיינעם טויט.

ציגיינער־באַלאַדע

— אַלטע ציגיינערטע אויפן וועג,
אַט האָסטו מיין האַנט!
טרעף, ווער בין איך, אין וואָס פאַר אַ לאַנד
איז געשטאַנען מיין וויג
און צי וועט מיך אָט דער טונקעלער שליאַך
נאָך פירן אַהיים צוריק?

די ציגיינערטע שאָקלט דעם ווייסן קאָפּ
טרויריק אַהין און אַהער —
און וואַרפט די קאָרטן: „מלך פּיק —
וואָס מיינט דאָס און וואָס איז דער מער?
דיין טאַטע פאַרמאָגט אַ גאָלדענע קרוין,
דיין מאַמע — אַ זילבערנע טרער".

דער פרעמדער וואַנדערער איז בלייך,
זיינע אויגן פינקלען שאַרף.
דער נאָוועמבער-ווינט שפרינגט פון בוים צו בוים
און שפּילט אויף זיין געלן פאַרלאַטעטן טרוים,
ווי אויף אַ קראַנקער האַרף —
און וואַרפט צוויי טרויריקע שטערן אַראָפּ
אין אַ ווייטן, פרעמדן דאָרף.

די ציגיינערטע שאָקלט דעם ווייסן קאָפּ
טרויריק אַהין און אַהער —

און וואַרפט די קאָרטן: „מלכּה טרעף —
וואָס מיינט דאָס און וואָס איז דער מער?
דעם מילנערס טאָכטער שלאָפט אין קילן טייך,
וואָס רינגלט אַרום דיין קיניגרייך.
דעם מילנערס טאָכטער וועט שוין נישט זען
די האַרבסטיקע שטערן מער.

דער אַלטער מילנער וואָגלט אַרום
און וויינט זיך די אויגן אויס;
דריי שוואַרצע קראָען פלאַטערן אום
איבער זיין פאַרלאָזטן הויז
און שיקן אַ קללה דיר מיטן ווינט:
דו הערסט זי אין וואָיען פון די וועלף
און אין בילן פון די הינט.״

דער פרעמדער וואַנדערער איז בלייך,
זיינע אויגן פינקלען שאַרף.
דער באָוועמבער-ווינט שפרינגט פון בוים צו בוים
און שפּילט אויף זיין געלן פאַרלאַטעטן טרוים,
ווי אויף אַ קראַנקער האַרף —
און וואַרפט צוויי טרויעריקע שטערן אַראָפּ
אין אַ ווייטן, פרעמדן דאָרף.

פיבערט דער פרעמדער: „אַלטע, הער!
איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד.
לאָז לייגן אין דיינע שאָטנס מיין קאָפּ
און זינג מיר אַ וויגנליד...
שאַ... שטילער... דו הערסט? אַ ווייסער פויגל
פליט דורך מיין געמיט.״

די ציגיינערטע שאָקלט דעם ווייסן קאָפּ
טרויריק אַהין און אַהער:
„אַ ווייסער פויגל דורך דיין געמיט —
וואָס מיינט דאָס און וואָס איז דער מער?
די טויטע טאָכטער פון מילנער האָט
זיך פאַרבענקט און געקומען אַהער.״

די לאַנדשאַפט פיבערט... „דו הערסט דעם קריי?
דאָס קרייט מיין שוואַרצער האָן.
איצט וועל איך דיר קאָכן אַ געטראַנק
פון רויטן גיפטיקן מאָן.
די שאָטנס זענען ווייך —
אַנטקעגן דער לבנה פיבערט דיין גוף
און דיין פּנים איז מאָדנע בלייך.״

זי טאַנצט אַרום קעסל זיבן מאָל
אַהין, אַהער, אַהין;
זשומעט דער קעסל פאַמעלעך, ווי
ס׳זשומעט אין פעלד אַ בין.
שטאַרקער און שטאַרקער — און מען הערט
מיט ווילדע פליגל איבער דער ערד
אַ טשאַטע ווילדגענז פלי׳ן.

דער פרעמדער שמייכלט. פאַר אים שפּרייט
זיך אויס אַ דעמערלאַנד;
דורך בלאָע גראָזן רוישט אַ קלייד
און ס׳גלעט אַ ווייסע האַנט
אַ סאַרנע מיט גאָלדענע אויגן...
ער אָטעמט שווער... די ציגיינערטע שטייט
איבער אים, ווי אַ ווערבע געבויגן — —
— — — — — — — — — — — — —

שיינע מאַרושקאַ, צום ווּיפלטן מאָל
בעט איך דיך: זינג נישט דאָס ליד!
שרעק נישט מיט די שאָטנס פון סטעפּ
איבער דיין קראַנקן ייד!
איצט וועל איך שוין הערן אַ גאַנצע נאַכט,
ווי דעם מילנערס טאָכטער פליט
אין אַ קרייז אַרום מיין געלעגער,
און איך וועל ליגן פאַר איר אויף די קני
ווי אַ פּאַראַיאָריקע האַרבסט־מעלאָדי —
צו וואָס טויג עס דיר, אַ שטייגער?
— — — — — — — — — — — — — —
דו ווילדס! דו שלעכטס!

פאַרגראָבן מיין געוויין

פאַרגראָבן מיין געוויין אין אַ קופּע מיסט —
איצט וואַרט איך מיט קלאָרע אויגן אויף דער נאַכט.
איז וואָס, אַז אויף די בוימער זיצט און לאַכט
דער האַרבסט, ווי אַ חולה ביים פענסטער פון שפּיטאָל!
אַז איך האָב שוין זיין געלעכטער געהערט אַמאָל,
בעת איך בין געשטאַנען אונטער זון און ווינט
און געלעסטערט דעם נביא און געשפּיגן אויפן קינד!

גאָט, מיין גאָט! איך האָב זיך שוין געשפּילט
מיט די בריסטן פון אַ זונה און דעם זונפאַרגאַנג,
מיט טרויער, מיט בלענדעניש און מיט שרעק —
און אַ הינט בין איך, אויב ס'טוט מיר באַנג!
איצט וואַרט איך מיט קלאָרע אויגן אויף דער נאַכט,
פאַרגאַרטלט מיט חוצפּה און מיט ווינט,
גרייט, אויב זי וועט נישט מיין ווילן טון,
צו שפּייען אויף איר, ווי אויפן נביא און דעם קינד.

די באַלאַדע פון דעם יונגן סאָלדאַט
און דעם בעקערס טעכטערל

שטייט פאַרן קיניגס טויער
אַ זעלנער אויף דער וואַך,
הערט ער אַ פויגל זינגען
אויפן קיניגס דאַך:
„דעם בעקערס טעכטערל האָט שווארצע האָר".

„ניין, דו האָסט אַ טעות,
איך וויס עס בעסער פאַר דיר:
איך האָב זי ערשט נעכטן געזען
בייטאָג אַ זייגער פיר —
דעם בעקערס טעכטערל האָט גאָלדענע האָר".

הערט, וואָס ס'קען פּאַסירן.
גייט דורך אַ גענעראַל:
„וואָס טוסטו אַזוי פייפן,
ווי ביי די פערד אין שטאַל
אָדער ווי אַ ציגיינער אין ווילדן סטעפּ?"

סאַלוטירט אים שיין דער זעלנער
מיטן שווערד אין דער האַנט:
„דער פויגל האָט געהאַט אַ טעות,
האָב איך אים דערמאַנט,
אַז דעם בעקערס טעכטערל האָט גאָלדענע האָר".

שרייט דער גענעראַל אַ בייזער:
„וואָס גייט עס מיך דען אָן!
דו וועסט אין קאַרצער ליגן,
ביז וואַנען ס'קרייט דער האָן
וואָס גייט מיך דער בעקער מיט זיין זונה אָן!

פּאַקט דער סאָלדאַט אַ ווילדער
מיט דער בלאַנקער שווערד,
אַ בליץ — און ס'ליגט דער גענעראַל
אַ טויטער אויף דער ערד,
זאָ וואַהר איך לעב — אַ טויטער אויף דער ערד.

פירט מען דעם זעלנער אין תּפיסה
און די תּליה איז שוין גרייט...
אַ שטריק... אַ צי, אַ צאַפּל...
און ס'וויקלט איין דער טויט
דעם יונגן סאָלדאַט אין זיין מאַנטל.

נו, און דעם בעקערס טאָכטער?
זי שטייט פאַרן שפּיגל און פלעכט
מיט ווייסע פינגער די לאַנגע צעפּ:
„דער סאָלדאַט איז געווען גערעכט —
איך האָב טאַקע גאָלדענע האָר".

כעלעמער באַלאַדע

כעלעם איז, ווי איר ווייסט, אַ שטאָט
און גאָט איז, ווי איר ווייסט, אַ טאַטער —
און איך, דער לעצטער כעלעמער,
שפּיל דאָס לידל פֿאַרן קאָטער.

מיטן-נאַכט. דער אַלטער רב
זיצט און קנייטשט דעם הויכן שטערן.
וואָס-זשע טוט דער אַלטער רב
אַזוי שפּעט ביינאַכט באַקלערן?

שוין דריטהאַלבן וואָכן, גאָט! —
ס'איז בפירוש אַ סכּנה —
האָט זיך (ראָמאַנטישער שלימזל!)
נישט באַוויזן די לבנה.

פּלוצים הויבט ער אויף דעם קאָפּ:
פֿאַרן טויער הירזשען פערד
און ס'פֿליען אין שטוב אַריין
שליחים צוויי מיט רויטע בערד.

„רבי! מיר... נאָך יענע וואָך
אין דער וועלט אַרויסגעגאַנגען
און מיר האָבן די לבנה
אין אַ פרעמדן דאָרף געפאַנגען.

אין אַ פּאַס מיט וואַסער זי
ווי אַ פּריצטע געלעגן,
האָבן מיר דאָס פּאַס פּאַרקלאַפּט
און אַוועק — דער היים אַנטקעגן.

און געטאַסקעט עס אַהער
און געבראַכט אַהער צו טראָגן".
שטייט דער רב, פאַר לויטער פרייד
קען ער זיי קיין וואָרט נישט זאָגן.

„קומט רבותי, לאָמיר גיין!"
גיין איז גיין — און מען גייט:
נעבן רב דער ראש הקהל,
הינטער זיי גייט קינד און קייט.

„אָט דאָס פּעסל?" — און דער רב
הויבט דעם דעקל מיטן שטעקן:
ער וויל חלילה די לבנה
אַזוי שפּעט ביינאַכט נישט שרעקן.

„בערל, זעסט?" — „איך זע נישט גאָרנישט"
וווּ איז זי?" — „וויַיזט אויס, אַנטרינען
אויפן וועג". און איין שליח
איז אויפן אָרט אַראָפּ פון זינען.

און דער איינער דאָס בין איך.
דו דערקענסט מיך, טאַטע-פאָטער?
זע, איך שפּיל אַן אַלטן ניגון
פאַר אַן אַלטן בלינדן קאָטער.

כ׳וועל אויפשטיין מאָרגן

כ׳וועל אויפשטיין מאָרגן אינדערפרי
און וועל אַרויסגיין אויפן וועג
און זען די אבל-קרוינען פון
די לעצטע, מידע זומערטעג.

איך בין אַליין אַמאָל געווען
אַ זומערטאָג און כ׳האָב פאַרשווענדט
מיין הויפן גאָלד, מיין הויפן ליכט
מיט גלויביקע און לייכטע הענט.

און בין דערנאָך אין אייגן בלוט
פאַרגאַנגען אויף אַ סקירדע היי,
און ס׳האָט אַ צווייטער זומערטאָג
אויפגעלויכטן אויף מיין וויי.

און איצט דערקענט מיך קיינער נישט,
מיין שטראַל, מיין צאַפּל און מיין ליכט,
מיין גאָלד, מיין ציטער און מיין בלוי,
מיין ערשט און שטראַלנדיק געזיכט.

נאָר איך אַליין דערקען זיך אָפּט –
איצט אין מיין טויזנטסטער געשטאַלט –
אַמאָל נאָך אין אַ טראָפּן זון,
וואָס פינקלט אויף אַ צווייג אין וואַלד.

אַמאָל אין צאַפּל פון אַ רויז,
אין זשומען פון אַ געלער בין
און אין אַ גענזל אויפן פעלד,
וואָס לויפט און ווייסט נישט וואָהין.

אַמאָל דערקען איך זיך, מיין גאָט,
אין זינדיק־רויטן גלי פון מאָן,
אין טראָפּן טוי, וואָס פאַלט אַראָפּ
פאַרטאָג אויף פליגל פון אַ האָן.

כ'וועל אויפשטיין מאָרגן אינדערפרי
און וועל אַרויסגיין אויפן וועג
און זען די אבל־קרוינען פון
די לעצטע, מידע זומערטעג.

איך בין אַליין אַמאָל געווען
אַ זומערטאָג און כ'האָב פאַרשווענדט
מיין הויפן גאָלד, מיין הויפן ליכט
מיט גלויביקע און לייכטע הענט.

צי ווייסטו ווער דער וואָלקן

צי ווייסטו, ווער דער וואָלקן איז?
ס'איז דערזעלבער וואַנדערער,
וואָס איז געווען דאָ יענע וואָך
אין אַ געשטאַלט אַן אַנדערער.

געזעסן דאָ ביי אונזער טיש,
געטרונקען ביר און מעד
און טיפע, שטילע, גאָלדענע רייד
אין זיך אַריינגערעדט.

פון ווינטן, וועלכע קרייצן זיך,
פון שטערן־בלי־פאַרבלי —
ביז ס'האָט אין אונזער שויב געקלאַפט
דער בלויער אינדערפרי.

צי ווייסטו, ווער דער פויגל איז?
ס'איז דערזעלבער וואַנדערער,
וואָס איז ערשט נעכטן דאָ געווען
אין אַ געשטאַלט אַן אַנדערער.

געשטאַנען דאָ אויף אונזער שוועל
מיט שטויב אויף זיינע שיך,
די גראָע טאָרבע אין דער האַנט
און שטיל גערעדט צו זיך.

פון וועגן, וועלכע קרייצן זיך
און בלאָנדזען דורך דער וועלט,
פון פרילינגען, וואָס האַלזען זיך
אויף בוים און טייך און פעלד.

פון זומערן, וואָס גייען אויף
ווי בלאָנדע מאַמעס שטיל,
פון האַרבסטן, וואָס זיי טוליען זיך
אין זייער שאָטן קיל.

פון וווּנדער און פון וואַנדערן,
פון בליען און פאַרגיין,
פון קומען נאָך אַמאָל צוריק
נאָך שענער, ווי געווען.

נו, זיי נישט טרויעריק, גאָלדן קינד!
ס'וועט דער זעלבער וואַנדערער
קומען נאָך אַמאָל צו אונז
אין אַ געשטאַלט אַן אַנדערער.

שלאָפליד

איך וועל דיך נישט אויפוועקן,
סיידן אַ פויגל,
וואָס ווייסט, דו האָסט גאָלדענע אויגן.
ער וועט זיך שטעלן אויף דיין בעט:
ער האָט זיך מיט אַ יוני־נאַכט פאַרוועט
(זי איז שיין און גאַוהדיק אָן אַ שיעור),
אַז דו ביסט טויזנט מאָל שענער פון איר.

איך וועל דיך נישט אויפוועקן,
סיידן אַ ווינט,
וואָס וועט אַריין דורך אַ שפּאַרע געשווינד.
טו עפּעס אַ ווינט,
וואָס וויל וויסן, צי ס'איז שענערס פאַראַן
פון וואָלקנס, שטערן און הינט.

איך וועל דיך נישט אויפוועקן,
סיידן אַ בוים,
וואָס וועט רוישן צו שטאַרק אין דיין טרוים.
דער בוים איז דער עלטסטער בוים אין וואַלד,
אַ קיימא־לן פון טויזנט יאָר אַלט.
טו עפּעס אַ בוים,
וואָס וויל וויסן, צי ס'איז שענערס פאַראַן
פון זיין רויש, פון זיין בלי, פון זיין טרוים.

איך וועל דיך נישט אויפוועקן,
סיידן אַ רעגן,
וואָס וועט קומען אַ גרויער פון וועגן און שטעגן
און קלאַפּן אין שויב מיט די פינגער.
דער רעגן איז גאָר נאָך אַ יונגער.
ערשט נעכטן איז ער אַ פּרינץ געווען,
היינט איז ער פאַרפישופּט: איין שמייכל פון דיר —
און ער ווערט צוריק, וואָס געווען.

איך וועל דיך נישט אויפוועקן,
סיידן אַ מלאך,
וואָס וועט קומען צו פליען פון אַ מהלך
אויף אַ ווייסן לבנה־שטראַל
און קניען ביי דיין געלעגער
און זינגען: „שוועסטער, שוועסטערל מיינס,
וואָס קען נאָך שענער און שענער זיין
פון דיר און פון מיר".

— — — — — — — — — — — — — — —

שאַ, איך וועל מיט אַ גאָלדענעם ריגל
פאַריגלען די טיר.

בעטלער־לעגענדע

זיצן דריי בעטלער אויפֿן טונקעלען שליאַך
און ווייסן, אַז די וואָלקנס זענען זייער דאַך.

און ווייסן, אַז דער ווינט, וואָס שלאָפֿט אין פֿעלד,
איז אַ באָרוועסער אורח אויף דער וועלט.

און דער פֿויגל, וואָס הענגט אויף זיין צווייגל מיד,
איז איין טראָפּעלע ווינציקער פֿון זיין ליד.

קוקט דער ערשטער אויף זיינע גראָע שיך
און מורמלט צו זיך און אַריין אין זיך:

„הינטערן ראַנד פֿון דער שוואַרצער מיל,
פֿון דער שוואַרצער מיל, רינט אַ וואַסער שטיל.

איז גוט צו שלאָפֿן ביי זיין קילן ברעג
און אויסצושלאָפֿן די מידע טעג".

קוקט דער צווייטער אויף זיינע גראָע שיך
און מורמלט צו זיך און אַריין אין זיך:

„ס׳גלוסט זיך מיר איצטער אין דערפֿל גיין,
נאָר דער גוי האָט אַ בייטש און דער הונט האָט ציין.

װעל איך שוין בלײַבן אויפֿן װעג אַדאָ
און װיגן און פֿאַרװיגן מײַן מידע שעה".

נאָר ס'שװײַגט דער דריטער טיף אין זיך אַרײַן
און ס'שמעקט זײַן שװײַגן מיט קאָרן און מיט װײַן.

מיט בײדע הענט פֿאַרשטעלט ער דאָס געזיכט
און צװישן די פֿינגער בליצט דורך אַ ליכט.

און מיט אָפֿענע אויגן הערן זיך אײַן די צװײ,
װי ס'פֿאַלט זײַן שװײַגן אויפֿן פֿעלד װי שנײ:

„אָרעמקײט, דו מײַן קיניגרײַך!
דו ביסט אי די װערבע, אי דער טײַך.

דו ביסט מײַן אָפּרו און דו ביסט מײַן עול,
מײַן ליכטיק געזאַנג אויף אַ טונקל קול.

דו ביסט די תּפֿילה אין קרײ פֿונם האָן
און די גאָלדענע בין אויבן רויטן מאָן".

מיט אָפֿענע אויגן הערן זיך אײַן די צװײ,
װי ס'פֿאַלט זײַן שװײַגן אויפֿן פֿעלד װי שנײ.

פּאַקט דער דריטער זײַן בינטל צעגנויף
און גרינג, װי אַ פֿויגל, הויבט ער זיך אויף.

און לאָזט זיך גיין מיט פּאַמעלעכע טריט
און נעמט אַ שאָטן ווי אַ זכר מיט.

און הינטער אים גייען געבויגן די צוויי
און טרינקען זיין שווייגן, וואָס פאַלט ווי שניי.

די באַלאַדע פון דעם פּאָדעלאָיער רב

דער אַלטער רב פון פּאָדעלאָי
האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און געזאָגט אַזוי:
„פון אַלע וועגן געבענט די נאַכט.
מיט וואָס האָסטו, ייד, דעם טאָג פאַרבראַכט?“

מיט שטילע הענט צינדט ער אָן אַ ליכט,
ווערט שאַרף באַלויכטן זיין מיד געזיכט,
און ביי יעדן ריר פון זיינע הענט
ציטערן די שאָטנס אויף די ווענט:
„געדאַווענט, געדאגהט און געקלאָגט
אויף גלות השכינה און תהלים געזאָגט“.
און וויי! זיין האַרץ ווערט שווער און פאַרקלעמט:
מיט צער דעם הייליקן מיטוואָך פאַרשעמט.

ער טוט זיך די זיידענע זשופּעצע אָן
און דעם שבתדיקן שטריימל טוט ער אָן
און לאָזט זיך גיין מיט פּאַמעלעכע טריט.
ער זעט: דער הימל מיט שטערן באַשיט,
ווי מיט זילבערנעם מאָן. „אַ נס... אַ נס...
אַ לויב צו זיין נאָמען! נאָך נישט פאַרשעמט
מיט מיין טרויער דעם גאַנצן מעת-לעת“.

ער זעט: אַ לאַמטערן ציטערט אין ווינט
און שפּילט זיך מיט זיך, ווי ס׳שפּילן זיך הינט

מיט די אייגענע שאָטנס ע״ב נאַכט.
ער זעט, ווי אַ פורמאַן פּאָיעט זיין פערד
ביים טונקעלען ברונעם. ער זעט און הערט
דאָס אָוונט-ליד פון דער שוואַלב, וואָס איז וואַך
און פלאַטערט אַ בלאָע פון דאַך צו דאַך.

דער אַלטער רב פון פּאָדעלאָי
האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און געזאָגט אַזוי:
„אַז ווייל איז צו מיר, וואָס איך גיי און טרעט
איבּער דער ערד, ווי אין אַ געבעט".

ער גייט און זיין באָרד פלאַטערט אין ווינט.
אַט זיצט אויף אַ שוועל אַ פאַרגעסן קינד —
שטוינט ער און שטוינט... ביז ס'ווערן בלינד
די אויגן זיינע. איז וואָס איז דער מער?
אַז ס'ווערט דאָס האַרץ אויף אַ רגע נישט שווער.
טאַפּט ער מיטן שטעקן ווייטער דעם וועג,
ווייל הייליק זענען אַלע נעכט און טעג.

אַט פילט ער דאָס פעלד. אַט הערט ער דעם טייך.
די פיס זיינע טאַנצן דעם בורא אַ שבח
אַרום די בוימער, וואָס שטייען ביים ברעג
און היטן און באַהיטן די שיינקייט פון וועג.

שטאַרקער און שטאַרקער, ביז ס'פילט דער ייד
די כחות פאַרגיין. פאַרמאַטערט און מיד
פאַלט ער אַוועק, אַזוי ווי ס'וואָלט
די קאָסע צעשניטן אַ זאַנג פון גאָלד.

גענענט די מיטן-נאַכט שטיל און פאַרקלערט
און בויגט צו דעם קאָפּ צו דעם ייד אויף
דער ערד:
„וואָס שטאַמלסטו, ייד?״—
„דו הערסט נישט — איך זינג״.
„דיין פּנים איז בלייך!״ —
„אָבער ס׳האַרץ איז מיר גרינג״.

„ס׳פיבערט דיין גוף!״ — „וויל איז מיר: ס׳האָט
מיין שטערן באַרירט דעם אָטעם פון גאָט״.
„זאָג ווידוי!״ — „איך קען נישט זאָגן, ניין!
וויל ווידוי איז צער און צער איז געוויין,
און געוויין פאַלט אויף דער ערד ווי אַ פלעק,
וואָס גנבעט דעם חן פונם וווּנדער אַוועק.״

דער אַלטער רב פון פּאַדעלאַי
האָט אָפּגעענטפערט דער נאַכט אַזוי
און איז אויסגעגאַנגען. די לבנה איז רויט
אַדורכגעגאַנגען און געשמייכלט שטיל:
„אויף אַלע מיינע ליבע אַזאַ מין טויט״.

די באַלאַדע פון דעם הייליקן אָונט-ברויט

וואָלקן שטורעמט איבער וואָלקן, שטורעמווינט.
דורכן טונקעלן פענסטער קוקט אַרויס אַ קינד.

טראָפּ, טראָפּ, שווערע טראָפּנס קלאַפּן אויפן דאַך:
„זע, טאַטע, אורחים קומען מיטן שליאַך".

דער יונגער קאָוואַל עפנט ברייט די טיר:
„גוטן אָוונט, אורחים, קומט אַריין צו מיר.

אַ ווינקל איז פאַראַן, דער טיש געגרייט,
נעמט אָן פאַר ליב אונזער אָרעם ברויט."

האַלב טונקל איז אין צימער, אַ רויִיק לעמפּל ברענט,
צען אורחים-שאָטנס וויגן זיך אויף ווענט.

נאָר אין טונקעלסטן ווינקל אַ ליכטיק קינדער-ראָד
און די מאַמע דערציילט פון גאָטס גענאָד:

„...איז דער בעטלער געגאַנגען אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
געקומען צום פּאַלאַץ, דאָס טויער פאַרמאַכט.

האָט דער בעטלער געגעבן דאָס רינגל אַ דריי,
זענען געקומען צו פליען מלאכים צוויי.

האָט איינער געעפֿנט די זילבערנע טיר
און דער צווייטער — די גאָלדענע טיר.

האָט דער בעטלער געלאַכט און פאַריאָגט די נויט
און געהאַט שוין צו זעט אי וויין, אי ברויט...״

האַלב טונקל דאָס צימער. דער טיש איז געגרייט,
ביין אורחים ברומען: „שוין שפּעט! שוין שפּעט!״

נאָר ס׳שטייט דער צענטער מיט אַ לויטער געזיכט
און איבער זיין קאָפּ בליצט אויף אַ ליכט.

און ער הויבט אויף די הענט און בענטשט די נויט
און בענטשט די לעגענדע פון וויין און ברויט.

די באַלאַדע פון דער ווערבע

קניט דאָס מיידל פאַרן צלם און וויינט:
„ליבער הער יעזוס מיין!
באַשער פאַר אונזער אָרעמער שטוב
ברויט און ליכט און ווייַן —
פאַר אונזער אָרעמער, גראָער שטוב ברויט און
ליכט און ווייַן".

זאָגט הער יעזוס: „ס'זאָל געשען,
וואָס דיין מויל באַגערט;
וואָס דיין ליפּ האָט נאָר דערמאָנט,
זאָל זיין פאַר דיר באַשערט —
וואָס דיין ליפּ האָט נאָר דערמאָנט, זאָל זיין
פאַר דיר באַשערט".

„איז האָסטו, הער יעזוס, מיר באַשערט
ברויט און ליכט און ווייַן,
טאָ לאָז דאָס גאָלדענע פייגעלע גליק
אויף תמיד ביי מיר זיין —
לאָז מיין געליבטן פון דער פרעמד אויף תמיד
ביי מיר זיין".

זיפצט הער יעזוס דריי מאָל אָפּ:
„דו אָרעם, אָרעם קינד!
דיין געליבטער האָט דיין לעבן פאַרשפּילט

אויף נאַכט און ים און ווינט״.
זיפצט הער יעזוס דריי מאָל אָפּ: „דו אָרעם,
אָרעם קינד!״

„און האָט מיין געליבטער זיין לעבן פאַרשפּילט
אויף נאַכט און ים און ווינט —
טאָ ברענג אויף אַ רגע אים אַהער
אויף די פליגלען פון דעם ווינט.
פאַרנעם מיין טרער און ברענג אים אַהער
אויף די פליגלען פונם ווינט.״

און זע, פון דער טיפער נאַכט אַרויס,
פון אַ ווייטן פרעמדן לאַנד,
גענענט איר געליבטער זיך צו איר,
געהילט אין אַ ווייסן געוואַנט —
נענטער און נענטער, ווי אַ גרוס פון אַ ווייטן
לאַנד.

זאָגט איר געליבטער: „איך האָב געבענקט
יאָר־אויס יאָר־איין, מיין קינד״ —
און קישט איר דריי מאָל די אויגן אויס,
ווערן אירע אויגן בלינד.
און קישט איר דריימאָל די אויגן אויס, ווערן
אירע אויגן בלינד.

זאָגט איר געליבטער: „איך האָב געגאַרט״ —
און נעמט זי פעסט אַרום
און קושט זי דריימאָל אויפן מויל,
ווערן אירע ליפן שטום.

װערט דער שמייכל אויף איר ליפּ אויף אײביק
און אייביק שטום.

זאָגט איר געליבטער: „איך האָב געגאַרט" —
און קישט איר דאָס האַרץ אַרויס,
דאָס שטילע גאָלדענע מײדל־האַרץ
קושט ער פון איר אַרויס —
און הענגט עס אויף אַ װערבע אויף, װי אַ לבנה
גרויס.

און ס'װיינט די װערבע יעדע נאַכט:
„ליבער הער יעזוס מיין!
באַשער פאַר יעדער אָרעמער שטוב
ברויט און ליכט און װיין
און לאָז דאָס גאָלדענע פייגעלע גליק כאָטש
אַ רגע ביי זיי זיין".

באַלאַדע

סעפּטעמבער. די שלאַנקע דאַמע אין גרין
פּלאַטערט איבערן טראָטואַר פאַרביי.

זי ווייסט, אַז דער קאַרשן־בוים האָט פאַרבליט
און אַמאָל, אַמאָל איז געווען מאַי.

אויף קלויסטער־טרעפּ ליגט דער דולער וואַסיל,
די ווייסע באָרד צעפּאַטלט פון ווינט.

ער אָטעמט טיף. זיין נשמה שמעקט
מיט שוואַרצע אָזשענעס ווי טינט.

זאָגט די שלאַנקע דאַמע אין גרין:
„ברודערל, קום און לאָמיר גיין".

גאַס־לאַמטערנס ציטערן פאַרביי,
און יעדער לאַמטערן איז אַליין.

שמייכלט דער דולער: „שוועסטער, דו זעסט,
מיט אַמאָל איז געוואָרן וואַלד —

און איך בין די גרויסע פינסטערניש,
וואָס איז שוין מיליאָנען יאָרן אַלט".

שטאַמלט די שלאַנקע דאַמע אין גרין:
„זע, ס'איז טאַקע געוואָרן וואַלד —

און דו ביסט די גרויסע פינסטערניש,
וואָס איז שוין מיליאָנען יאָרן אַלט.

און דו (זי כליפּעט, ווי אַ פּלייט)
דו... דו... דו... און ווער בין איך?"

„דיך.. דיך האָב איך אויסגעטראַכט
מיט שוואַרצע צעפּ און גאָלדענע שיך".

„צוואָס! איך האָב מורא... לאָז מיך אָפּ —
איך וויל צוריק אין ישוב גיין".

לאַכט דער דולער: „אַז אויף דער ערד
איז גאָר קיינמאָל קיין ישוב נישט געווען.

נאָר איך און דער וואַלד און די מחנה וועלף
און אַלע לויערן אויף דיר".

פּיבערט די דאַמע: „ס'זענען טאַקע וועלף
און אַלע גייען זיי אויף מיר".

זי פאַלט אויף די קני: „זיי מוחל, האַר,
פאַר אַלע, אַלע מיינע זינד —

פאַר דעם קאַרשן-בוים, וואָס האָט פאַרבליט
און פאַר דעם באַליידיקטן פרילינג-ווינט".

— — — — — — — — — — —

אויף קלויסטער-טרעפ ליגט דער דולער וואַסיף
און נעבן אים וויינט די דאַמע אין גרין.

אַנטקעגן אויף נאַסע דעכער קריכט
אַן אַלטע, מיאוסע שפּין — דער באַגין.

שטערן-גלויבער

מיטן-נאַכט. די גלויבער אין די שטערן
גייען מיט מידע טריט אַהיים.
מאַנסאַרדעס ווינקען. ציגל. צער און ליים.
טונקעלע קאָרידאָרן, אַ שטיל פאַרלוירן ווערן.

זיי ליגן אויף די בעטן און זיי הערן
טיף אין זיך אַ מאָדנע שטיל געוויין;
זיי זעען די אייגענע בענקשאַפט שטיין
מיט קראַנקע פליגל און מיט גאָלדענע טרערן.

זיי חלומען: סטעפּ. דער הייליקער גייסט
גייט מיט אַ טאָרבע אַרום און רייסט
שוואַרצע יאַגדעס פאַר זיין האַרטן ברויט.

ליגענדע מיט בלאָע צייכנס אונטער די אויגן,
צעשפּרייט דיינע פליגל ווי אַ רעגנבויגן
און הייליק מיט אַלע דיינע פאַרבן אונזער נויט.

ווינט — מייז חבר, ווענ

ווינט — מיין חבר, וועג!
מיר האָבן שוין אַלע געזען
דעם בלייך פאַרציקן אַ שטילע שטוב,
וואָס שטייט אויפן פעלד אַליין —
און אַלע דריי האָבן מיר געזאָגט:
— הייליק טרויעריק און שיין.

ווינט — מיין חבר, וועג!
מיר האָבן שוין אַלע געהערט
דעם פלירט פון אַ גאָלדענעם שמעטערלינג
מיט דער גרינער ערד
און ווי די נאַכט מיט איין פינגער בלויז
האָט אים אָפּגעמעקט און צעשטערט!

ווינט — מיין חבר, וועג!
מיר האָבן שוין אַלע געזען
אַ זקן צווישן קברים־גראָז
שטיל און פאָרכטיק גיין —
און אַלע דריי האָבן מיר געזאָגט:
— הייליק, טרויעריק און שיין.

ווינט — מיין חבר, וועג!
מיר האָבן שוין אַלע געהערט
דאָס געלעכטער, וואָס קינדער הענגען אויף

אויף ווייסע זיידע-בערד,
און מיט ווייסע און שוואַרצע בענדער באַצירט
אין וואָגן געשפּאַנטע פערד.

ווינט — מיין חבר, וועג!
מיר האָבן שוין אַלע געזען,
ווי מאַמע-אויגן צינדן זיך אָן
ביים מינדסטן קינד-געוויין —
און דאָס אייגענע קינד מיט שטייפע טריט
נאָך איר לויה גיין.

ווינט — מיין חבר, וועג!
טאָ וואָסזשע איז דער מער?
אַז אויף אַלע וועגן איז געגאַנגען גאָט
און גייט שוין איצט נישט מער —
ווינט טאַקע אין אונזער טאָרבע אריין
דאָס גלויביקע אויג א טרער.

נאָוועמבער-באַלאַדע

מיטן-נאַכט.
די דאַמע מיטן רויטן שירעם אין האַנט
פּלאַטערט איבערן טונקעלן טראָטואַר
און הינטער איר אינקאָגניטאָ
דער אַלטער קיניג
און זיין עקסצעלענץ דער נאַר.

דער קיניג פאַלט
איבער אַ צעשויבערטן בעטלער-קינד,
וואָס שלאָפט אויפן האַרבסטיקן אַספאַלט
און חלומט פון אַ טאַרבע, זון און ווינט
און זעט אין זיין קיניגרייך פון נויט,
ווי ס׳רינט און רינט
אַ ריטשקע מילך און ווי ס׳בליט
אַ הייסע פּיראַמידע קאָרן-ברויט.

די דאַמע לאַכט.
דער נאַר גיט דעם קיניג די האַנט —
קאָמאַנדאָ: „איינס, צוויי, דריי"
שניידט דורך דאָס אויער פון דער מיטן-נאַכט
אויף... אויף... אויף—שטאַנד!

דער קיניג טוט אָן די רויטע קרוין,
דאָס רויטע מיצל — דער נאַר,

און די דאַמע מיטן רויטן שירעם אין דער האַנט
פלאַטערט ווידער איבער טונקעלן טראָטואַר.

פאָרויס —
די דאַמע מיטן רויטן שירעם אין דער האַנט,
הינטער איר — דער קעניג,
הינטער ביידע — דער נאַר.
דריי רויטע קרוינען אין געיעג —
ווער זאָגט, ס'איז ווייניג?

גאַס־לאַמטערנס טרעטן אָפּ דעם וועג,
אַן אַלטע מויער מאַכט אַ רעווערענס,
קליינע פענסטערלעך קוקן פאַרגאַפט
— גייסטער שפּיל — גייסטערטאַנץ.

מיט אַמאָל — סטאָפּ!
דריי מעסערס בליצן שאַרף,
דריי מאַסקעס פינקלען בייז,
ווערטער קלינגען קאַלט
און קרייצן זיך הייס.

דער קיניג איז בלייך, ווי דער טויט
און מורמלט: „פאַרראַט!"
מיט אַ מאָל שרייט ער אויס:
„גענעראַל! סאָלדאַט!"

דריי מעסערס בליצן שאַרף —
ער פאַלט אַנידער אויף די קני:
„וואָס קען איך אייך געבן

מער ווי מיין רויטע פאַרזשאַווערטע קרוין
פאַר מיין פאַרזשאַווערט לעבן?"

די דאַמע מיטן רויטן שירעם אין דער האַנט
פאַלט אויף די קני
און שטאַמלט: „איך בין פון הי, פון נישט הי.
איך האָב אַ בעט, אַ שלאַנקן גוף און אַ הייסע נאַכט
און גאָרנישט מער.
געמאַכט?"

געמאַכט!

דער נאַר שטייט גרייט,
דאָס מיידל פלאַמט רויט —
מעסער... מאַסקע... פאַראַט...
קיניג... קורווע... טויט..
מיט אַמאָל שרייט ער אויס:
„איך גיב מיין געלעכטער!"

דריי מעסערס בליצן שאַרף,
דריי מאַסקעס קוקן בייז,
מאַסקע קעגן מאַסקע —
גאָט גערעכטער!

די באַלאַדע פון דער לעצטער קיניגין

„קיניגין! איך וואַרט אויף דיין באַפעל.
דיין חיל ליגט צעשמעטערט אויפן וועג,
אַ שוואַרצער פויגל כליפעט אין דיין קרוין
און געציילטע זענען דיינע טעג."

די קיניגין שטייט אַ בלייכע און שטום
און ס'ציטערט נערוועז איר ווייסע האַנט,
און אירע אויגן בלאָנדזען אום —
צוויי בלאָע שוואַלבן איבערן לאַנד.

„קיניגין! איך וואַרט אויף דיין באַפעל.
דער וואָגן שטייט אַ גרייטער שוין אין הויף,
אַ שוואַרצער פויגל כליפעט אין דיין קרוין
און וואָרנט: „קיניגין, אַנטלויף! אַנטלויף!"

די קיניגין שטייט אַ בלייכע און שטום
און ס'ציטערט נערוועז איר איידלע האַנט,
און אירע אויגן בלאָנדזען אום —
צוויי בלאָע שוואַלבן איבערן לאַנד.

„קיניגין! אַ וואַלד מיט באַיאָנעטן בליצט
נענטער און נענטער צו דיין שלאָס אַהער.
וואָס איז קעגן צאָרן פון דעם פאָלק,
קיניגין, דיין שטילע, ווייסע טרער?"

די קיניגין שטייט אַ בלייכע און שטום
און ס׳פיבערט איר דינע, ווייסע האַנט,
און אירע אויגן בלאָנדזשען אום —
צווי בלאָע שוואַלבן איבערן לאַנד.

„צווישן צאָרן פון דעם פאָלק און דער קיניגין
זאָל משפטן גאָט, ווער ס׳איז גערעכט.
נאָר איידער ס׳שטאַרבט די לעצטע קיניגין,
מוז שטאַרבן איר לעצטער געטרייער קנעכט״.

זי כאַפּט דעם קינזשאַל. אַ בליץ — און ס׳פאַלט
דער קנעכט אַ טויטער נעבן אירע פיס.
זי פיבערט דערשראָקן: „קוק נישט אויף מיר.
פאַרמאַך דיינע אויגן — פאַרשליס, פאַרשליס״.

זי לויפט צום פענסטער צו. דאָס מעסער בליצט
אין איר ווייסער פיבערנדיקער האַנט,
און אירע אויגן בלאָנדזשען אום —
צווי בלאָע שוואַלבן איבערן לאַנד.

איך דער פרינץ

איך, דער פרינץ און דער ציגיינער, זאָג:
פּאָר אייערע טויערן שטיי איך גרייט.
אין מיין צימבל שלאָפט אַ קיניגרייך,
וואָס צאַנקט און וועט שטאַרבן נישט-געקרוינטערהייט.
ס'איז גענוג, אַז דער פיליסטער מיטן פליך
זאָל זאָגן דורכן פענסטער פון זיין ווילע: „שיין!"
אַז איך זאָל צעשמעטערן דעם צימבל אָן דער וואַנט
און צעבייסן ביז בלוט די ליפן מיט די ציין.

גאָט, מיין גאָט! צו וואָס האָסטו געזאַלבט
מיין גוף מיט לידער און מיין קאָפּ מיט פרייד?
צוּוואָס האָסטו מיר געגעבן דעם בעטלער-זאַק,
די אויסגעקרומטע שיך און דאָס הפקר-קלייד?
כדי איך זאָל קומען אין אָט דער טראַכט
און פאַרוואַנדלען דיין חלום אין געוויין?
כדי איך זאָל זאָגן צו אַלע ווינטן: נאַכט
און נישט האָבן קיין היים, וווּ אַהיימצוגיין?

גאָט! דיינע שטערן האָבן מיך גענאַרט
און דיין וועג, דיין שטעג, דיין סטעפּ איז פרעמד!
נאָענט איז מיר נאָר די ווערבע נעבן טייך
און די לויז, וואָס הונגערט אין מיין העמד.
נאָענט איז מיר דער שטורעם, ווען ער טאַפּט
מיט הייסע פינגער מיין דערשראָקן לייב,

און שטרויכלט און פאַלט און באַהעפט זיך
מיט דער ערד,
ווי אַ שיכּור מיט זיין הייסן ווייב.

דער שטורעם האָט זיין נעסט, און איך, מיין גאָט,
ווו זאָל איך ווענדן איצטער מיינע טריט?
אַז אַלע פייגל האָט דער האַרבסט געטויט
און ס'פרעסן די ווערים אויף דאָס גאָלד פון ליד.
אפשר צו מיין מאַמעס קראַנקן בעט,
ווו זי ליגט שוין דאָס דריטע יאָר געלעמט?
נאָר ווי קען איך טרעטן אויף איר שוועל,
אַז כ'האָב איר ליבע צעטרעטן און פאַרשעמט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

QUO VADIS MANGER?

די באלאדע פון די בלאָע קריגלעך

דעם אָנדענק פון מיין
מאמען

מיט בלאָע קריגלעך אין די מידע הענט
שוועבן ווייסע מאַמעס צו צום ברונען:
אפשר וועלן זיי דאָס גאָלדענע מזל
אין זיין טונקעלער טיף געפינען —
נאָר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

קומט אַ ווייסער פויגל צו פליען
און מאַכט אַ ראָד אַרום די ווייסע קעפ:
„דאָס גאָלדענע מזל שלאָפט אין מירמל־שלאָס
אויף ניין־מאָל־ניין באַגילדטע מירמל־טרעפ" —
נאָר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

קומט אַ גראָער פויגל צו פליען:
„דאָס מזל וויינט אין אַ גראָער כאַטע,
א בייזע שטיפמאַמע פייניקט עס
און אין קאָרטן פאַרהוליעט עס דער טאַטע" —
נאָר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

קומט אַ שוואַרצער פויגל צו פליען
און בלייבט אויפן ראַנד פון ברונעם שטיין:

„דאָס גאָלדענע מזל שלאָפט אין טיפֿען פֿעלד
אַליין אונטער אַ גראָען מצבה־שטיין" —
נאָר ס׳ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

זאָגט די ערשטע פֿון די מאַמעס שטיל:
„דאָס גאָלדענע מזל וואַרט און איז שוין נאָוונט.
לאָמיר־זשע גיין און נעמען עס אַהיים
אין זכות פֿונם רויטן אלול־אָוונט" —
נאָר ס׳ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

זאָגט די צווייטע פֿון די מאַמעס שטיל:
„אפשר אין זכות פֿונם ערשטן שטערן,
וואָס אונזערע אויגן האָבן נאָך דערלעבט..."
און דאָס שטערן־טיכל פֿאַרשאָטנט אירע טרערן —
נאָר ס׳ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

זאָגט די דריטע פֿון די מאַמעס שטיל:
„אפשר אין זכות פֿון די גאָלדענע האָר
פֿון אונזערע אייניקלעך וועלן מיר דערזען
דעם גאָלדענעם חלום אויף דער וואָר" —
נאָר ס׳ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

מיט בלאָע קריגלעך אין די מידע הענט
גייען ווייסע מאַמעס בלייך דערשראָקן
און זייער גיין דורכן טונקעלן דאָרף
איז ווי אַ גיין אין תשעה־באב אין זאָקן —
און ס׳ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

און הינטער זיי צערינט דאָס דאָרף, דער טייך.
זיי וויסן נאָר איינס: אַוועק, אַוועק פֿון דאַנען.

פרעגט זיי בחרם, צי ווייסן זיי נאָך איצט,
ווו זייערע וויגן זענען אַמאָל געשטאַנענען" —
ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

און הינטער זיי צערינט די בריק, די מיל.
זיי ווייסן נאָר איינס: אַוועק, אַוועק פון דאַנען.
פרעגט זיי בחרם, צי ווייסן זיי נאָך איצט,
ווו זייער ליבע האָט געבליט און ס'איז
דער קאַרשן-בוים געשטאַנען —
ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

ווייטער און ווייטער. אָט בלייבן זיי שוין שטיין
ביים ערשטן קבר און זייערע אויגן גלאַנצן,
ביז ס'קראַקעט אַ סאָווע פונם טונקעלן צווייג
און הייסט דאָס ערשטע מצוה-טענצל טאַנצן —
ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

טאַנצן די מאַמעס שטילינקע און בלייך,
ווי בת-מלכות, וואָס האָבן ערשט געפונען
צוריק דעם וועג צו זייער פאָטערס שלאָס,
ווו ס'פינקלט זיין קרוין ווי זיבן זונען —
נאָר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

שטאַרקער און שטאַרקער. ביז די מיטן-נאַכט
רוימט איין אַ סוד: „צייט זיך שלאָפן לייגן"
און מיט שטילע מידע סאַמעטענע פינגער
מאַכט זי יעדער מאַמע צו די אויגן —
און ס'פאַלן די קריגלעך פון די מידע הענט.

די לבנה גייט אויף... פאַרגייט... דער מאָרגן־שטערן
צייטיקט אַ ניי און בלוי באַגינען.
און די ווייסע מאַמעס, וואָס שלאָפן מיד,
ווערן ווי רויך מיט דער נאַכט צערינען —
און ס׳וויינען די קריגלעך נאָך די מידע הענט.

און איך, וואָס האָב דאָס דאָזיקע ליד געמאַכט,
ווייס נישט אַליין, וואָס כ׳האָב געזונגען.
דאָס שטילע גיין פון מאַמעס דורכן דאָרף
האָט ווי אַ זילבערנער טרויער אין מיר אָפּגעקלונגען
און דאָס געוויין פון די קריגלעך אויף דער ערד.

די באַלאַדע פֿון דעם שנירל שטערן

רבותי, איך וועל אייך זינגען אַ ליד,
דאָס ליד פֿונם טרויעריקן גליק,
וואָס פֿלאַטערט ווי אַ פֿויגל פֿאַרביי
און קערט זיך נישט אום צוריק.

אין יאַס, דער שטילער און שיינער שטאָט,
מיט אַלטע שוהלען באַחנט
(אַזוי שטייט געשריבן, איך האָב עס אַמאָל
מיט די אייגענע אויגן געליינט),

האָט געלעבט אַן אַלטער און פֿרומער ייד
מיטן נאָמען רב מיכעלע בלאַט,
און ס'האָט דער אַלטער און פֿרומער ייד
איין־און־איינציקע טאָכטער געהאַט,

אַ יאָר גייט פֿאַרביי, דאָס צווייטע קומט,
קומט און גייט און פֿאַרשווינדט —
און ס'איז די טאָכטער געוואַקסן שנעל
און שלאַנק, ווי אַ סאָסנע אין ווינט.

און ס'האָט געשמייכלט דער אַלטער ייד,
ווען ס'האָט געקלאַפּט אין דער טיר
דער פֿרילינג מיט אַ בינטל בעז,
דאָס ער האָט געבראַכט פֿאַר איר.

און ס'האָט געשמייכלט דער אַלטער ייד,
ווען שפּעט אין אַ בלאָער נאַכט
האָט רויטע קאַלינעס צו איר בעט
דער קיניג זומער געבראַכט.

נאָר אַז דער האַרבסט האָט אָנגעקלאַפּט,
האָט אויפגעציטערט דער ייד,
ווען ס'האָבן געקלונגען די רעגן־טריט:
די יוגנט פאַרגייט און פאַרפליט.

אַ יאָר גייט פאַרביי, דאָס צווייטע קומט,
קומט און גייט און פאַרשווינדט —
און ס'איז די טאָכטער געוואַקסן שנעל
און שלאַנק, ווי אַ סאָסנע אין ווינט.

נאָר איינמאָל אין אַ ווייסער נאַכט
האָט אין איר חלום געגעבנט אַ שטאַפּעט
און אַ זיידן העמד אַוועקגעלייגט
אויף איר איינזאַמען בעט.

און אַז דער ייד האָט זיך אויפגעכאַפּט
צו שחרית אין דער פרי,
איז אַ שנירל שטערן געהאָנגען אין שויב,
ווי אַ זילבערנע מעלאָדי.

און פאַרן שפּיגל איז געשטאַנען שלאַנק
די טאָכטער אין זיידענעם העמד,
די אויגן אָפן, די הענט אויפן האַרץ,
ווייט און טרויעריק און פרעמד.

דער טאָג איז אַוועק. די צווייטע נאַכט
האָט ווידער גענענט דער שטאָפּעט
און אַ גאָלדענע קרוין אַוועקגעלייגט
אויף איר איינזאַמען בעט.

און אַז דער ייד האָט זיך אויפגעכאַפּט
צו שחרית איינדערפרי,
איז אַ שנירל שטערן געהאָנגען אין שויב,
ווי אַ זילבערנע מעלאָדי.

און פאַרן שפּיגל איז געשטאַנען שלאַנק
די טאָכטער אין זיידענעם העמד,
די גאָלדענע קרוין אויפן שוואַרצן קאָפּ,
ווייט און טרויעריק און פרעמד.

און תּיכּף האָט פאַרשטאַנען דער ייד,
אַז דער חלום האָט אָפּגעשיידט
דאָס איינציקע וווּנדער פון זיין לייב, —
האָט ער צעריסן זיין קלייד

און אַש אויפן ווייסן קאָפּ געשיט
און קדיש פרום געזאָגט.
זעגען בלייכער געוואָרן די שטערן אין שויב,
וואָס מער דער טאָג האָט געטאָגט.

און באָרוועס איבערן ווייסן שניי
מיט דער קרוין און דעם זיידענעם העמד
איז די טאָכטער אַוועק מיט שטילע טריט
שטיל און טרויעריק און פרעמד.

האַרבסט

סעפּטעמבער. דער ציגיינער און די נאַכטיגאַל
ווייסן זיך נישט ווו אַהינצוטאָן.

אַ לבנה־גייער שלאָפט ביים קילן טייך
פון אַלע חלומות אויסגעטאָן.

אָפעליאַ, קראַנקע אָפעליאַ!

די מידקייט אין אַ זיידן שפּיצן־העמד
גלעט מיט די פינגער דאָס גראָע טאָל,

זי גלעט און זאָגט שפּרוכן און זי וועקט
דאָס בלאָע וווּנדער פון אַמאָל.

אָפעליאַ, קראַנקע אָפעליאַ!

די גרינע אויגן פון דער סעפּטעמבער־נאַכט
קוקן מיך דורך אַלע שויבן אָן.

אין די אויגן — געוויין פון ווילדע קעץ.
וואָס גייען אונז די דאָזיקע אויגן אָן?

לאָמיר אַנטלויפן! ווו אַנטלויפט מען, ווו?
דער בלינדער לאָמטערן שטייט און וואַכט,
און די טירן און פענסטער זענען צו —

טו תשובה, אָפעליאַ!

פון אַלאַדינס בלאָען כישוף-לאָמטער
האָט זיך דאָס וווּנדער אָפּגעטאָן,

און דער ציגיינער און די נאַכטיגאַל
ווייסן זיך נישט ווו אהינצוטאָן —

און איציק מאַנגער שלאָפט אויפן הארטן דיל
פון אַלע חלומות אויסגעטאָן.

איינזאַם

קיינער ווייסט נישט, וואָס איך זאָג,
קיינער ווייסט נישט, וואָס איך וויל –
זיבן מייזלעך מיט אַ מויז
שלאָפן אויפן דיל.

זיבן מייזלעך מיט אַ מויז
זענען, דוכט זיך, אַכט –
טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און זאָג: „אַ גוטע נאַכט".

טו איך אָן דעם קאַפּעלוש
און איך לאָז זיך גיין.
וווּ זשע גייט מען שפּעט ביינאַכט
אײנינקער אַליין?

שטייט אַ שענק אין מיטן מאַרק,
ווינקט צו מיר: „דו יאָלד!
כ'האָב אַ פּעסעלע מיט וויין,
אַ פּעסעלע מיט גאָלד".

עפן שנעל איך אויף די טיר
און איך פאַל אַריין:
„אַ גוט יום-טוב אַלע אייך,
ווער איר זאָלט נישט זיין!"

קיינער ווייסט נישט, וואָס איך זאָג,
קיינער ווייסט נישט, וואָס איך וויל —
צוויי שיכּורים מיט אַ פלאַש
שלאָפן אויפן דיל.

צוויי שיכּורים מיט אַ פלאַש
זענען, דוכט זיך, דריי.
זיין אַ פערטער דאָ אין שפּיל
לוינט זיך? — נישט כּדאַי.

טו איך אָן דעם קאַפּעלוש
און איך לאָז זיך גיין.
ווזשע גייט מען שפּעט ביינאַכט
אייניקער אַליין?

באַלאַדע אין צע־דור

— וואַהין אַזוי שפּעט ביינאַכט, רב ייד?
דער וועג איז טונקעל און דאָס דאָרף איז ווייט.
די שעה איז מיינע און פאַר אַלע די,
וואָס זענען נישט צו גאָט און נישט צו לייט.
פשיטאַ קרעוו, רב ייד!

שטאַמלט דער ייד מיט דער זילבערנער באָרד:
„אָט אַזוי, מען גייט אין דער וועלט אַריין.
וואָס דען זאָל מען טאָן, אַז דאָס שטיבל ליגט
פאַרגאָסן מיט רויטן לבנה־שיין
און מיט האַרבסטיקן צוויט?"

שמייכלט דער לאָבוס: „העי, רב ייד!
דיין באָרד איז ווייס און דיינע פּיס זענען שוואַך.
קער זיך אום אַהיים, קיינער דאַרף דיך נישט,
אַ חוץ די שטערן, וואָס סווישטשען אויף דיין דאַך.
פשיטאַ קרעוו, רב ייד!

שטאַמלט דער ייד מיט דער זילבערנער באָרד:
„אָט אַזוי, מען גייט, אפשר מוז מען גיין,
און אפשר אַ רגע פאַרן שלאָף
וועל איך אויף די וועגן מיין גאָט דערזען.
אפשר, ווער ווייסט?"

לייגט דער לאָבוז צוויי פינגער אין מויל
און גיט אַ רויטן פייף צו דער נאַכט,
אַז ס'טרייסלט די סאָסנע מיט איר קרוין
און ווי זילבערנע שיפלעך שווימען זאַכט
די כמאַרעס פאַרביי.

און אין יעדן זילבערנעם שיפל זיצט
אַ נאַקעטע פרוי און ווינקט מיט דער האַנט,
אַזוי ווי ס'ווינקט אַ מלכּה, וואָס פאָרט
אויף תמיד אַוועק פון איר אייגענעם לאַנד
אַזוי טרויעריק און מיד.

שטאַמלט דער ייד: „ס'איז זנות און געוויין,
וואָס האָבן מיינע אַלטע אויגן פאַרבלענדט.
נאָר איך שטיי און וואַרט אויף דער מיט פון וועג
און ווי צוויי תפילות שטרעק איך מיינע הענט
צו דיר, מיין גאָט!"

לייגט דער לאָבוס צוויי פינגער אין מויל
און גיט אַ צווייטן פייף צו דער נאַכט,
אַז ס'טרייסלט די סאָסנע מיט איר קרוין
און ווי זילבערנע שיפלעך שווימען זאַכט
נייע כמאַרעס פאַרביי.

און אין יעדן זילבערנעם שיפל זיצט
אַ קינד מיט אַ שטיקל ברויט אין האַנט
און הינטער זיי לויפט אַ תּפיסה נאָך:
„גנבה! גנבה! שפּאָט און שאַנד!
שפּאָט און שאַנד!"

שטאַמלט דער ייד: „ס'איז נויט און געוויין,
וואָס האָבן מיינע אַלטע אויגן פאַרבלענדט.
נאָר איך שטיי און וואַרט אויף דער מיט פון וועג
און ווי צוויי תּפילות שטרעק איך מיינע הענט
צו דיר, מיין גאָט!"

לייגט דער לאָבוס צוויי פינגער אין מויל
און גיט דעם לעצטן פייף צו דער נאַכט,
אַז ס'טרייסלט די סאָסנע מיט איר קרוין
און פיבערט און ציטערט און וויינט און לאַכט
פאַרן פּחד, וואָס קומט.

אויף טאַנקעלע פערד אַ מחנה רייט
נענטער און נענטער. צווישן די ציין
בליצן שטאָלענע מעסערס שאַרף —
און הינטער זיי שנירלען בלוט און געוויין
פאַרטרינקען דעם וועג.

שטאַמלט דער ייד: „ס'איז מאָרד און געוויין,
וואָס האָבן מיינע אַלטע אויגן פאַרבלענדט.
נאָר איך שטיי און וואַרט אויף דער מיט פון וועג
און ווי צוויי תּפילות שטרעק איך מיינע הענט
צו דיר, מיין גאָט!"

שמייכלט דער לאָבוס: „העי, רב ייד!
גיי אַהיים צו דיין כּלטע פון ציגל און ליים.
אַז דריי מאָל האָט זיך דיר גאָט אַנטפּלעקט
און דיינע אויגן האָבן אים נישט געזען —
איז פּשיטא קרעוו, רב ייד!"

גייט דער ייד מיט פאַרלאָשענע טריט
און ס'פלאַטערט זיין ווייסע באָרד אין ווינט:
„אַז דריי מאָל האָט זיך גאָט אַנטפלעקט —
אין דער זונה, דעם מערדער און דעם קינד, —
איז עקט זיך די וועלט".

איצט זיצט ערביים לעמפל און מיט געלע הענט
פלעכט ער אַ שטריק. מאָרגן ביינאַכט
וועט ער הענגען מיטן פנים צו דעם ווינט —
בעת די שטערן וועלן סווישטשען אויף זיין דאַך.
פשיע קרעוו, רב ייד!

סאָנעט בעש"ט

נאָטלען

זיצט דער בעל שם קעגן מיטן־נאַכט
אין זיין חדר מיוחד און ער טראַכט:
„די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
אַז אפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין
באָרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט".

ער הויבט זיך אויף און בלייבט פּלוצים שטיין:
אין פענסטער ציטערט אַ דין געוויין.
ווער וויינט ביינאַכט, ווער וויינט אַצינד,
ווען ס'שלאָפט דער פויגל און ס'שלאָפט דער ווינט,
ווען ס'שלאָפט די כאַטע און ס'שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס געאָלד?
„הער – זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט –
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט".

נאָר ס'ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפל אויפן ווינט.

עפנט דער בעל שם די טיר און גייט
געוויר צו ווערן, ווער ס'שטערט די פרייד,

די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט.
אַט דרימלט די שטאָט, אַט דרימלט דער טייך.
אַט דרימלט דאָס פעלד.
ווער-זשע ווײַנט אַצינד,
ווען ס'שלאָפט דער פויגל און ס'שלאָפט דער ווינט,
ווען ס'שלאָפט די כאַטע, און ס'שלאָפט דער וואַלד?
וועד טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט".

נאָר ס'ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפּל אויפן ווינט.

הויבט דער בעל שם די אויגן אויף,
די ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף,
זעט ער אַ גראָע כמאַרע, וואָס ליגט
איבער אַ שטערן, וואָס ווערט צעדריקט.
בלייבט דער בעל שם אַ רגע שטיין
און הערט זיך צו צום זילבערנעם געוויין.

דערנאָך הויבט ער אויף די ליכטיקע האַנט,
צום הימל אַרויף די ליכטיקע האַנט,
און ווישט די גראָע כמאַרע אַוועק.
פלאַטערט דער שטערן באַפרייט פון שרעק,
פלאַטערט און שימערט, בליצט און קלינגט
אַדורך דער לופט, ווי גינגאָלד קלינגט.
שמייכלט דער בעל שם: „דו שייגעץ, דו!
האָסט אויפגעטרייסלט אַ וועלט פון רו".

מיט שטילע טריט גייט ער דאַן אַהיים,
אַהיים צו זיין כאַטע פון ציגל און ליים,
און זעצט זיך אַנידער אויפן שוועל,
און וואַרט אויפן ערשטן פויגל-טרעל,
און וואַרט אויפן ערשטן טראָפן זון,
אויפן ערשטן גאָלדענעם טראָפן זון.
און איידער דער טאָג האָט אויפגעטאָגט,
האָט ער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט:

„דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו!"

און אַ ליכטיקער טראָפן פאַלט אויף זיין האַנט
און קייקלט זיך אַראָפ איבער זיין געוואַנט.

לבנה־באַלאַדע

אַנטקעגן מיין הויז שטייט אַ טונקעלער ברונעם,
ליגט די מיטן־נאַכט אין זיין טיף געפאַנגען.
שטיי איך און הער מיט ציטער און מיט פרייד
„שיר השירים”, דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען.
די לבנה, דער ויין און דאָס גאָלד זענען רויט.

זאָגט דער וואַלדהיטער צו זיין טאָכטער: „הער!
גיי צום קאָוואַל אין נאָענטן דאָרף אַריבער
און זאָג מיר, ווער פון דעם קאָוואַלס זין
איז דיר צום האַרצן, ווער ס'איז דיר ליבער”.
די לבנה, דער ויין און דאָס גאָלד זענען רויט.

גייט דאָס מיידל מיט זינגנדיקע טריט.
דער וואַלד פלאַפלט מיט וועגן און מיט שטעגן,
און ווי אַ כישוף־שפיגל פלאַטערט אומגעריכט
איר די רויטע האַרבסט־לבנה אַנטקעגן.
די לבנה, דער ויין און דאָס גאָלד זענען רויט.

גאַפט דאָס מיידל אין ליכטיקן וווּנדער אַריין
מיט אַלע אירע ווייסע בויגעוודיקע גלידער.
דאָס ליכט איז שווער און בויגט איר שלאַנקן גוף
טיפער און טיפער צו דער ערד אַנידער.
די לבנה, דער ויין און דאָס גאָלד זענען רויט.

און טיף אין איר גייט אויף אַ געוויין,
פרעמד, ווי דאָס געוויין פון איר טויטער מאַמען,
פרעמד, ווי דער פלי פון ווייסע מעוועס
איבערן רויש פון ווייטע בלאָע ימען.
די לבנה, דער ווין און דאָס גאָלד זענען רויט.

רייט אַ רייטער אויף זיין שוואַרצן פערד,
זעט ער דאָס מיידל אויף דער וואַלד-ערד ליגן.
טראַכט ער אַ רגע... אַהאַ, ער האָט דערקענט
אין איר אַ פאַרגעסענעם לבנה-ניגון.
די לבנה, דער ווין און דאָס גאָלד זענען רויט.

טריפט ער פון זיין פלאַש מיט רויטן ווין
אַ פאָר טראָפּנס אויף איר קאַלטן שטערן.
עפנט זי די אויגן, אַזוי אַז ער קען
די זילבערנע טריט פון די וואַלד-גייסטער הערן.
די לבנה, דער ווין און דאָס גאָלד זענען רויט.

שטאַמלט ער: „כּלה מיינע, כּלה מיינע, קום!
גיב מיר די האַנט און איך וועל דיך פירן.
אויפן באַרג שטייט מיין לבנה-שלאָס
און געעפנט זענען אַלע זיבן טירן.
די לבנה, דער ווין און דאָס גאָלד זענען רויט.

פיבערט דאָס מיידל: „רייטער! דו מוזט
רייטן צוערשט אין מלכות פון די שטערן
און ברענגען מיר די קרוין פון איידל-גאָלד אַהער,
ווייל אַנדערש קען איך נישט דיין כּלה ווערן".
די לבנה, דער ווין און דאָס גאָלד זענען רויט.

פליט דער רייטער אויף זיין שוואַרצן פערד
איבער בערג און טאָלן, איבער סטעפּן.
כעסט זיך דער נאָוועמבער-ווינט הינטער אים
און וויל אים נאָר פון פערד אַראָפּשלעפּן.
די לבנה, דער ווײַן און דאָס גאָלד זענען רויט.

און דאָס מיידל גייט מיט זינגנדיקע טריט,
דער וואַלד פּלאַפּלט מיט וועגן און מיט שטעגן,
פירט זי ביי דער האַנט דער מינדסטער ווינט
און אירע טריט קלינגען, זינגען מיט רעגן.
די לבנה, דער ווײַן און דאָס גאָלד זענען רויט.

אַ שאָד, וואָס די מעשה איז אמת און נישט
מיט גאָלדענע חלום-פעדעם אויסגעשפּינען
פון אַ לבנה-גייער, וואָס האָט אומגעריכט
אויף האַרבסטיקע דעכער אַן אוצר געפונען.
די לבנה, דער ווײַן און דאָס גאָלד זענען רויט.

מלחמה־באלאדע

שפינגעוועב און טרויער הילן איין די כאַטעס,
ווייט אין די אָקאָפּעס בלוטיקן די טאַטעס.

און די מאַמעס הורן אין די שטאַלן מיטן טויט
פֿאַר אַ היטל צוקער און אַ לאַבן ברויט.

שטייען קינדער ביי די פענסטער און זיי זעען:
בערדיקע סאָלדאַטן צו די פראָנטן גייען.

„וויקטאָריאַ! וויקטאָריאַ!" און דאָס ליד
נעמט דאָס גאָלד פון אַלע פעלדער מיט.

רויטע וואָלקנס אין די האַרבסטיקע פאַרנאַכטן,
פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן אין די שלאַכטן.

שטייען קינדער ביי די פענסטער און זיי זעען:
בערדיקע סאָלדאַטן צו די פראָנטן גייען.

„וויקטאָריאַ! וויקטאָריאַ!" און דאָס ליד
נעמט די פרייד פון אַלע דערפער מיט.

בערדיקע סאָלדאַטן, לעצטע וועגן, לעצטע שעה'ן
און דער אָוונט זינגט דאָס בייסטער־ליד פון קראָען.

שטייען קינדער ביי די פענסטער און זיי זעען
די רויטע ערד אין אַ שווינדל־ראָד זיך דרייען.

אַ יעדער וועג אַ קרייץ, אויף יעדן קרייץ אַ פויער,
שטאָט און דאָרף צעשאָסן. שפּינגעוועב און טרויער.

דעמערונג מיט טיפוס־פלעקן. לעצטע שעה'ן,
און דער אָוונט זינגט דאָס גייסטער־ליד פון קראָען.

ציטערן די קינדער און זיי טוליען זיך צוזאַמען,
שרייט אין זיי די בענקשאַפט צו דער מאַמען.

נאָר די מאַמעס הורן אין די שטאַלן מיטן טויט
פאַר אַ היטל צוקער און אַ לאַבן ברויט.

געשריבן אין טאָג, ווען היטלער
איז געוואָרן קאַנצלער.

די תפילה פון איוואַן דעם שיכּור

דער שיכּור איוואַן שטייט יעדן פאַרטאָג
דעם דאַשעק פאַרדרייט, ווי זיין זיידע לוט,
און יעדער אבר פון זיין גוף
פירט אַ שטילן דיאַלאָג מיט גאָט —
שטיל, אָבער שיין.

„העי, באַטיושקאַ גאָט! אויף דיין הייליקן גוף
קריכט די זון, ווי אַ געלע לויז.
נאָר דו ביסט גוט, ווייל דו ביסט אַ גאָט,
און וואַרפסט זי נישט פונעם העמד אַרויס —
כאַראַשאָ! כאַראַשאָ!

„און איך, וואָס בין אָרים, ווי די נאַכט
און שפּל, ווי אַ גראָז אין פעלד,
פיר דיין שמייכל שפּאַצירן מיט מיר
מיט גאָלדענע שפּאָרן איבער דער וועלט —
זיי גוט צו מיר!

„זיי גוט צו מיר, ווייל מיר איז גוט
צו פילן דיין האַנט אין מיין אָרעמער האַנט
און פירן דיך, ווי אַ ציגיינער זיין בער,
פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד —
זיי גוט צו מיר!

„איצט, ווען דער קרעמער כאַפּט זיך אויף
און קריכט דאָס פּערטע מאָל צו זיין ווייב
און סאַפּעט און כראַקעט זיין זאָמען אַריין
אין איר הייסן און פעטן לייב —
זיי גוט צו מיר!

„זיי גוט צו מיר, און איך וועל פאַר דיר
זאַמלען די תּפילות אין אַ זאַק
און איך וועל אים שלעפּן הינטער זיך,
גלייך ס'וואָלט געווען מיין אייגענער פּאַק —
זיי גוט צו מיר!

„זיי גוט צו מיר! און איך וועל דערנאָך
פאַרקויפן דעם זאַק צו יענקלען דעם ייד,
כאָטש ער איז פאַלש און זיין וואָג איז פאַלש,
אָבער מיך נאַרט ער קיינמאָל ניט —
איך בין נישט אַזאַ יאָלד!

„ווייל דאָס פאַרשטיי איך בעסער פון דיר:
איידער מיט תּפילות, איז בעסער מיט געלט
צו גיין, ווי מיר גייען איצטער אַ
באָרוועס איבער דער ברייטער וועלט —
דער וועלט דער קראַסאַוויצע.

„ווייל פאַר אַ רובל קויפסטו אַ קוש
און אפילו אַ נאַכט ביי מאַרוסיאַ דער שלאַנג.
זי וועט אונז באַגלייטן אין העמד צו דער טיר
און וועט אונז נאָך זאָגן אַ שיינעם דאַנק —
טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

„און פאַרן רעשט ביי יעפּימען אין שענק,
דעם פאַרעך, דעם גילגול פון איסקאַריאָט,
וועלן מיר טרינקען און טרינקען צוזיפיל,
ביז דו ווערסט איוואַן, און איך ווער גאָט—
ס'איז אַ שפּיל אַזאַ!

„און דו וועסט מיך פירן פאַר דער האַנט,
ווי איך פיר דיך איצטער אַ גאַנצן מעת-לעת,
און דו וועסט זען, אַז נאָר פאַר דיר
וועל איך באַווייזן מיין שענסטן נס –
מיין סאַמע שענסטן נס.

„איך וועל הייסן איצקאַן דעם פּאָעט,
ער זאָל אונז באַשרייבן אין אַ ליד,
און מאַרוסיאַ וועט עס זינגען אויפן קול
זומער-צייט אויפן פעלד ביים שניט
און מיר'ן ווערן אומשטערבלעך.
— — — — — — — — — —
ביסט מסכּים, איוואַן?"

די באַלאַדע פֿון דעם בעטלער מיט דעם זײדענעם העמד

דער אַלטער בעטלער האָט אויפֿן וועג
געפֿונען אַ בלוי און זײדן העמד —
אַ ווײַטער גרוס פֿון אַ ווײַטן לאַנד,
וואָס ער האָט אין זײַן לעבן נישט געקענט,
בפּירוש נישט געקענט.

און אַז ער האָט אין זײַן כאַטע שפּעט
אָנגעטאָן ס'העמד אויפֿן קויטיקן לײַב,
האָט אויפֿגעדעמערט פֿאַר זײַן אויג
די געשטאַלט פֿון אַ יונגן שלאַנקן ווײַב —
פֿון אַ נאַקעט שלאַנקן ווײַב.

ווײ איז צו דעם, וואָס דער חלום האָט
אים אײנמאָל מיטן פֿינגער אָנגערירט!
ער וועט שוין בלאָנדזען אַ לעבן לאַנג,
גלײַך די שטערן וואָלטן אים געפֿירט —
און ער ווײסט נישט וווּהין.

און אַזוי איז געשען. דער בעטלער האָט
געזען, אַז ברײט איז גענוג דאָס בעט
און אַז דער ווײַזער קריכט שוין צו דעם צוויי,
האָט ער אין פֿענסטער אַרײַנגערעדט —
טונקעלע, אָבער אמתע רייד:

„אין אַ יעדער נאַכט אויף אַ קופּע מיסט
פגרט עלנט אַ קרעציקער הינט,
און אַז די גאָלדענע זון גייט אויף,
טרעפט זי קיין שפּור נישט פון זיין ווונד —
איז האָט זי אַן עסק.

„אָבער איך, אַ קיניג, וואָס בין נע-ונד,
שטיי איצט ביים פענסטער אָט אַדאָ,
אין מיין באָרד זילבערט זיך דער האַרבסט,
נאָר מיין העמד איז ווי דער פרילינג בלאָ
און אפשר נאָך בלאָער.

„איז ווער קען מיר זאָגן, אַז ס'איז געשען
אַלצדינג, וואָס ס'איז געווען באַשערט?
ס'שטייט דאָך איטלעכנס קיניגרייך
תמיד אויף אַ פרעמדער ערד —
און קוקט זיך די אויגן אויס".

אַזוי האָט דער בעטלער צו זיך גערעדט
און געבליבן פאַרן טונקעלען פענסטער שטיין,
געזוכט מיט די אויגן דעם ווידערקלאַנג
און נישט געוווסט, צי ס'איז ליד, צי געוויין —
צי דער שימער פון גאָלד.

ווי איז צו דעם, וואָס דער חלום האָט
אים איינמאָל מיטן פינגער אָנגערירט!
ער וועט שוין בלאָנדזען אַ לעבן לאַנג,
גלייך די שטערן וואָלטן אים געפירט —
און ער ווייסט נישט וואוהין.

און אַזוי איז געשען. דער בעטלער האָט
דערהערט אַ שאַרפֿן קלאַפּ אין דער טיר
און מיט אַמאָל זענען געשטאַנען פֿאַר אים
מאָדנע שוואַרצע שליחים פֿיר
מיט לאַנגע, געקרייזלטע בערד.

האָט דער ערשטער שליח אַזוי געזאָגט:
„אדוני קיניג, קיניג דו מיין!
כ׳האָב געבראַכט פֿאַר דיין טרויעריק געמיט
אַ גאָלדענעם בעכער מיט וויין,
אדוני קיניג דו מיין!״

האָט דער צווייטער שליח אַזוי געזאָגט:
„אין איך האָב דיר געבראַכט די קרוין און דאָס שווערד
און דאָס זיידענע טיכל פֿון דער קיניגין —
אַ סימן, זי בענקט און באַגערט
און וויינט זיך די אויגן אויס״.

האָט דער דריטער שליח אַזוי געזאָגט:
„און איך האָב דיר געבראַכט דאָס פּורפּור-קלייד,
און דאָס פֿערד מיט דימענטן באַצירט
שטייט אינדרויסן פֿאַרן טויער גרייט
צו פֿירן דיך אַהין.״

האָט דער פֿערטער שליח אַזוי געזאָגט:
„און איך — איך וועל פֿירן דאָס פֿערד ביים צוים,
ביז מיר וועלן אַלע, אַלע דערגיין
אויף יענער זייט פֿון טרוים —
אַ מהלך נישקשה״.
— — — — — — — — — — —

פֿאַרהענג דעם שפּיגל! כ׳האָב איצט געזען
דעם בעטלער מיטן זיידענעם העמד
רייטן און זוכן דאָס קיניגרייך,
וואָס ער האָט אין זיין לעבן נישט געקענט —
צוּזאַ מין פּ—ך!

די באַלאַדע פון דעם אַלטן פישער

דער אַלטער פישער שטייט ביים ים
און קנייטשט דעם ווייסן שטערן:
דער אַלטער בלאָער ים איז מיד
דאָס אַלטע ליד צו הערן —
דאָס אייביקע ליד פון דער גראָער נויט,
וואָס פרעסט אין זיין קליינער כאַטע אויף
דאָס לעצטע רייפטל ברויט.

מורמלט דער פישער איז ים אַריין:
„מיינע ביינער זענען מיד״.
הויבט ער די אויגן אויף און זעט:
אַ זילבערנע מעווע פליט
און זינגט דאָס ליד פונם עפלבוים,
וואָס האָט אין שכנס גאָרטן ערשט
זיך האַרבסטיק רייף צעבליט.

מורמלט דער פישער צום עפלבוים:
„כ׳האָב יאָרן לאַנג געוואַרט,
אַ געטרייער שומר פונם ים,
און דער ים האָט מיך אָפּגענאַרט.
און פאַר מיינע ווייסע טרויעריקע האָר,
און פאַר מיינע געבויגענע אַלטע יאָר
האָב איך גאָרנישט זיך דערוואַרט.

„איצט שטיי איך, הייליקער עפּלבוים,
און בויג פאַר דיר זי קני.
איך בין די צייטיקע פידל פון נויט
און די זילבערנע מעלאָדיע
פון דעם אייגענעם גרויסן האַרבסט,
וואָס האָט געבויגן מיר דעם קאָפּ
און דיר געהייסן: „כּלי!"

רוישט דער הייליקער עפּלבוים:
„מיינע עפּל זענען גרייט
צו פאַלן אין יענער האַרטער האַנט,
וואָס האָבן זיי פאַרזייט.
און פאַר דיינע אַלטע געבויגענע יאָר
און פאַר דיינע ווייסע און טרויריקע האָר
האָב איך אַ געלעגער אויף ביינאַכט
פון שאָטנס אָנגעגרייט."

לייגט דער פישער אין די שאָטנס זיין קאָפּ
און טוט תּפילה פאַרן שלאָף.
לויפט אין דער פינסטער זיין פּנים אויף,
ווי דאָס פּנים פון אַ רבֿ,
וואָס האָט געבענטשט די עדה
און אַליין די לעצטע זילבערנע טעג
געפירט צו דער עקדה

— — — — — — — — — —

שאָטן-שפּיל און טעפּטעמבער-ווינט,
שפּיל פון טרערן און פרייד!
דער פאַסטוך שטאַרבט און ס'וויאַנען די שאָף,

נאָר אייביק בלייבט די פלייט,
כדי צו דערמאַנען אַמאָל-אַמאָל
דעם פישער ביים ים און דעם פּאַסטוך פון טאָל
און אַלצדינג, וואָס פאַרגייט...

די באַלאַדע פֿון דעם שטערנטיכל

אַ גאָלדענער פֿויגל טרילערט
אויפֿן שוואַרצן דאַך,
אויף דער גראָז־באַנק זיצט די אַלטע
מאַמע און איז וואַך —
און ס׳פֿינקלט איר שטערנטיכל.

אַ מידער שמייכל לעשט זיך
אויף אירע ליפּן אויס,
אַ זקן אין ברוינע פּאַנטאָפֿל
שאַרט נעבן איר הויז —
נאָר ס׳פֿינקלט איר שטערנטיכל.

„אַלטע, שוין צייט צו שלאָפֿן!
דער פֿויגל שלאָפֿט שוין אויך"
און פֿון זיין ליולקע ציט זיך
אַ דינער זיידענער רויך —
נאָר ס׳פֿינקלט איר שטערנטיכל.

איז וואָס, אַז דער גאָלדענער פֿויגל
שלאָפֿט שוין אויפֿן דאַך!
איר מידע בלאָע נשמה
וויל נאָך איצט זייך וואַך —
כּל זמן דאָס שטערנטיכל..

מיט אירע קינדער, וואָס וואָגלען,
פֿאַרבינדט זי נאָך איר געוויין.
ווייל זי די נאַכט די גאַנצע
זיצן און וואַכן אַליין —
זאָל זיי לייכטן איר שטערנטיכל.

בליצט דער זקן מיט די אויגן
און זיין באָרד איז ווייס ווי שניי,
הינטער זיין מאַנטל פֿיבערט
אַ זילבערנער חלף, וויי! —
נאָר ס'פֿינקלט דאָס שטערנטיכל.

אַ בליק — און דער זילבערנער חלף
שניידט איבער דאָס געוויין,
דעם הייליק-גאָלדענעם פֿאָדים.
קומט אַ שוואַרצער ווינט צו גיין —
און פֿאַרלעשט דאָס שטערנטיכל.

ס'איז דאָס טרויעריקסטע ליד אין לעבן,
וואָס טוט צום מיינסטן וויי:
דאָס פֿאַרלאָשענע שטערנטיכל
און די ווייסע מאַמע ווי שניי,
וואָס האָט עס אַמאָל געטראָגן.

די באַלאַדע פון דעם האָלצהאַקער

אַמאָל איז געווען אַ האָלצהאַקער,
געווען איז ער גראָ און אַלט;
איז ער געגאַנגען פון כּמה יאָרן
האַקן האָלץ אין וואַלד —
וואָס איז ער געווען, אַ פּריץ?

אין אַ פּראָסטיקן ווינטער־אָוונט
גייט ער ווידער אין וואַלד אַריין;
ער האָט דען אַן אַנדערע ברירה,
ליבער הער גאָט דו מיין?
אַז די נויט האָט שאַרפע נעגל.

זעט ער אַ סאָסנע אַ יונגע,
וואָס ציטערט אין שאַרפן ווינט;
הערט ער אין איר ציטער
דאָס כליפּען פון אַ קינד —
און ער זעט אירע טרויעריקע אויגן.

„דיין האַק איז שאַרף און מיין לעבן,
מיין לעבן איז יונג און דין;
האַק נישט איבער דעם פאָדים,
דעם גאָלדענעם, וואָס איך שפּין —
וועסט האָבן אַן עבירה״.

זעט ער אַ דעמב אַן אַלטן,
בלייבט ער פאַר אים שטיין;
הויבט ער די האַק, דערפילט ער,
אַז ער הויבט זי קעגן זיך אַליין —
אַנטקעגן זיין אייגענער עלטער.

בלייבט ער אַ טרויעריקער שטיין
מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט;
ער זעט די קליינע פייערלעך,
וואָס האָבן די גרויסע דעמבעס פאַרברענט —
און זיין גוף נעמט דורך אַ שוידער.

פאַר אים שטייען אויף די שאָטנס
פון די ביימער, וואָס ער האָט צעשטערט
אין משך פון זיין לעבן;
פאַלט ער אַוועק אויף דער ערד,
ווי אַ בוים אַן אָפּגעהאַקטער.

און ער בעט ביי זיי מחילה
מיט אַ ביטער געוויין.
לאָזן מיר אים דאָרטן ליגן,
וויפיל ער וויל אַליין —
אַז מען וויינט זיך אויס, ווערט גרינגער.

סטעפּ־באַלאַדע

ציגיינער ציגיינער אין נאַכטישן סטעפּ
מיט מידע הענט וויאָלעטע פייערן;
טאַנצט מאַרושקאַ מיט די זיידענע צעפּ
און ס׳פלאַטערן אין ווינט אירע זיבן שלייערן —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

זאָגט דער עלצטער פון ציגיינער־שטאַם
און ס׳פינקלען זיינע הייסע שוואַרצע אויגן:
„צי טאַנצט מאַרושקאַ דאָרט אַליין אין סטעפּ,
צי אפשר גאָר אַ שלאַנקער רעגנבויגן?״ —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

שפּילט דער אומעטיקער יאַנקאָ אויף זיין פלייט:
„הייסער מיידל־גוף... שלייערן און פאַרבן.
ווי גוט איז צו זיין די ערד הינטער דיר,
כאַפּן דיינע טריט און אויסגיין, שטאַרבן!״ —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

זאָגט יאָוואָ דער פלינקסטער לויפער פונם שטאַם:
„מאַרושקאַ, וואונדער פון אַלע מיינע וועגן!
מיין נשמה ציטערט און גאַרט נאָך דיר,
ווי ס׳גאַרט די ערד נאָך אַ יולי־רעגן״ —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

זאָגט בעלאַ דער פלינקסטער גנב פונם שטאָם:
„דו הערסט, ווי ס'הירזשעט מיין געטרייער שימל?
איין ווינק, מאַרושקאַ, און איך פלי אַוועק
און גנבע דיר דאָס טעלערל פונם הימל" —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

לאַכט מאַרושקאַ: „שלימזל מיינער, קום,
נאַ, דו מיט די דערשראָקענע אויגן!
כאַפּ מיר דעם שרעטל-קיניג פונם סטעפּ
און דערשיס מיר דעם ווינט מיט דיין פייל און בויגן" —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

שפּילט נאָך דער ציגיינער אויף זיין פליים:
„שלימזל, וואָס האָסט מיך הינטער אַ פלויט געבוירן?
נעם מיין בענקשאַפט און פלי מיט איר אַוועק
און פאַרגעס, ווו דו האָסט זי פאַרלוירן" —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

לאַכט מאַרושקאַ: „שלימזל, מיינער, קום,
נאַ מיט די טיפע דערשראָקענע אויגן!
שאָטן, וואָס שטייסט אַ יעדע נאַכט
איבער מיין ווילדן שלאָף געבויגן!" —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

שפּילט נאָך דער ציגיינער אויף זיין פליים:
„שלימזל מיינער, נאָוועמבער-שטערן!
נעם מיין בענקשאַפט און פלי מיט איר אַוועק,
אַז איך זאָל שוין מער נישט איר שפּעטן הערן" —
דער האַרבסט האָט גאָלדענע אויגן.

טאַנצט מאַרושקאַ אין נאַכטישן סטעפּ.
ס'ציטערן הענט... און ס'פּיבערן גלידער...
„מאַרושקאַ, ווילדער אומרו פונם סטעפּ!"
מאַרושקאַ, ליד איבער אַלע לידער!" —
דער הארבסט האָט גאָלדענע אויגן.

פּיבערט דער עלצטער פון ציגיינער-שטאַם
און ס'פינקלען בייז זיינע שאַרפע אויגן:
„צי טאַנצט מאַרושקאַ מיט דער נאַכט אַליין,
צי טאַנצט גאָר אַ שלאַנקער רעגנבויגן?" —
דער הארבסט האָט גאָלדענע אויגן.

נאָר וווּ איז נאַע דער ציגיינער, וווּ,
דער שלימזל מיט די טיפע אויגן?
ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצער קראָ
און איז מיטן צפון-ווינט אַוועקגעפלויגן
צום הארבסט, וואָס האָט גאָלדענע אויגן.

— — — — — — — — — — — — —

און איצט, איך בעט אייך, זאָגט מיר רב ייד:
צו וואָס טויג דער שטות, אָט דאָס דאָזיקע לידל,
דער סתם אין דער וועלט אַריין „טידל-בידל"?
און פונוואַנען נעמט זיך, אפשר ווייסט איר באַשייד,
אַזאַ גרויסער ווייטיק אין אַזאַ קליינער פידל?

די באַלאַדע פֿון הערשעלע אָסטראָפּאָליער
מיט דער לבֿנה

דער וועג איז טונקל און דער ווינט
האָט דעם לאָמטערן אויסגעלאָשן.
אויפֿן שייד-וועג שטייט די נאַכט
און בעטלט בלינדערהייט אַ גראָשן

פֿאַר אָרעמע און קראַנקע לייט,
פֿאַר קינדער אין די נאַכט-אַזילן,
פֿאַר די, וואָס בלאָנקען זיך אַרום
אויף וועגן קעגן זייער ווילן.

„וואָס זוכסטו, הערשל? זאָג מיר, האַ?"
„אַ טאָלער" — „ביסט אַראָפּ פֿון זינען?
אַז סאַמע לעבער איז דיין ראָק,
וווּ וועסטו, נאַר, אַזוינס געפֿינען?"

„הערט, רבי! אין אַ תּמוז-נאַכט
בין איך צום טייך אַראָפּגעגאַנגען,
איז אויף אַ לאָמער ווערבע דאָרט
אַ ווייסע טרער אַראָפּגעהאָנגען.

האָב איך זיך טיפֿער איינגעקוקט:
אַ טאָלער גאָר, דערצו מזומן —

און דאָ ליגט שבת פאַר דער נאָז
און זי, מיין אַלטע, טוט שוין ברומען.

איז לויף איך פריילעך מיר אַהיים:
— העי, אַלטע מיינע, קינדער, וואַכט!
זעט, וואָס דער טאַטע האָט פאַרדינט
און וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט.

אַ ווייסן טאָלער, ווי אַ ראָד.
העי, כאַפּ אַ טענצל, יענטע לאה!.
— אַ ווייסע טרער גאָר? הערשל, זאָג!
דו ביסט פון זין אַראָפּ, צי חסר-דעה?

און מיט אַ בעזים האָט זי מיך
ביינאַכט פון שטוב אַרויסגעטריבן.
איז זעט איר, רבי, דאָ ביי מיר
דער ווייסער טאָלער שוין פאַרבליבן".

און מיט אַ שמייכל האָלט דער לץ
דעם רבין ס'ווייסע ליכט אַנטקעגן.
צעלאַכט די נאַכט זיך אויף אַ קול
און ווייסע שמייכלען אַלע וועגן.

באַלאַדאַ עראָטיקאַ

דער בלאָער סאָלדאַט און דער שוואַרצער מאָנאַך
וואַרגן די נאַכט אויפן איינזאַמען שליאַך.

דער בלאָער סאָלדאַט שטאַמלט שווער און בייז
און ס׳שמעקט פון זיין קערפּער מיט טרויער און שווייס:

„ביסט געקומען אַ שטילע, אַ בלייכע צו מיר
און געבראַכט בלויז דעם אָפּשיין פון ליבע צו מיר,

דעם פלאַטער פון אַ מיידלישן העמד
איבער אַ דערפל, ווייט, טרויעריק און פרעמד".

דער שוואַרצער מאָנאַך שטאַמלט שווער און בייז
און ס׳שמעקט פון זיין קערפּער מיט טרויער און שווייס:

„ביסט געקומען אַ הייסע, אַ ווילדע צו גיין
און פאַרטריבן ווי רויך מיין תפילה־געוויין.

האָסט באַלעבט דאָס בילד אין מיין מאָגערער האַנט
כ׳האָב געפילט אירע בריסטן, געשפילט מיט איר שאַנד׳

איצט שטיי איך אויף הפקר אין מיטן פון וועג
און צייל, ווי וווּנדן, די שעה׳ן און טעג".

דער בלאָער סאָלדאַט און דער שוואַרצער מאָנאַך
וואַרגן די נאַכט אויפן איינזאַמען שליאַך,

זיי וואַרגן און סאָפּען און פּילן, ווי ס'רינט
דורך זייערע פינגער בלוט, טרויער און ווינט;

און איבער זיי הענגט אַ רויטע זאַנג
די לבנה — און שמייכלט טיף און לאַנג.

די פאַרלאָזטע

שטייט דאָס מיידל ביים פענסטער און טראַכט,
איין קאָרן־פעלד בליט א לבנה־נאַכט.

טונקעלע טריט, אָט זילבערט זיך דער טייך.
„מיידל, איר ציטערט? גאָט מיט אייך!"

זי ציטערט? ניין. ס'ציטערט איר געוואַנט,
ווען ס'פיבערט איבער אים זיין הייסע האַנט.

אָט גיט ער איר אַ פינגערל פון גאָלד:
„ווי איך האָב אייך ליב, ווי איך האָב דיך האָלד!

און איידער ס'וועלן נאָך דריי יאָר פאַרגיין,
וועל איך מיט דיר אונטער דער חופה שטיין".

טונקעלע טריט. זי ציטערט, פיבערט, לאַכט;
איין קאָרן־פעלד בליט אַ לבנה נאַכט.

אַ לאָמע ווערבע פאָרט זיך מיטן ווינט.
שלאָפט טיף אין זיי דאָס וויינען פון אַ קינד.

זי פיבערט, וויינט, און דאָס זילבערנע געוויין
פירט זי פאָרן האַנט צוריק אַהיים.

איצט שטייט זי ביים פענסטער און זי טראַכט.
אין קאָרן־פעלד בליט אַ לבנה־נאַכט.

און מיט גרויסע אויגן קוקט זי לאַנג זיך איין
צום וועג, וואָס פירט אין קאָרן־פעלד אַריין...

איך שטיי באָרוועס און דרייסט

איך שטיי באָרוועס און דרייסט פאַר אייער טיר,
די האַנט באַוואָפנט מיט אַ שווערן שטיין
און פאָדער הויך: עפנט מיר!
איך וויל וואַשן מיינע בלאָטיקע פיס
אין אייער הייס געוויין.

מיין טאַטע, זיין עקסעלענץ דער שניידער, האָט
פאַרהוליעט זיין לעבן אין אַ שענק;
מיין מאַמע האָט געצונדן שבת-ליכט
און שטיל געוויינט
און איר געוויין האָט געזאָגט אַזוי:
„נישט דאָס, מיין גאָט, האָב איך געמיינט.
נאָר מסתמא האָט באַדאַרפט אַזוי צו זיין"
און איך צווישן שבת־ליכט און וויין
וואַרף מיין לעסטערונג און לויב.

איך שטיי באָרוועס און דרייסט פאַר אייער טיר,
די האַנט באַוואָפנט מיט אַ שווערן שטיין
און פאָדער הויך: עפנט מיר!
איך וויל וואַשן מיינע קויטיקע פיס
אין אייער הייס געוויין.
און דערנאָך פאַר יעדער זשאַבע אין זומפ
קניען און זאָגן: זי איז שיין!

באַלאַדע אין דע־מאָל

אויפן באַרג שטייט די שוואַרצע מיל
און חלומט פון גאָלדענעם קאָרן.
אין פענסטער ציטערט די האַלב־לבנה —
אַ דינער זילבערנער האָרן,
און אונטער די רעדער חלומט דער ווינט
פון אַ טרויעריק־שיינעם קיסר־קינד.

ס׳קלינגען אָפּ טריט אין דער נאַכט. ווער גייט?
דער אַלטער וועכטער? — ניין.
ער ליגט און שלאָפט אין אַ ווינקל הויף,
געבעט אויף זיין אַלטן געוויין
און חלומט פון ווייַן און חלומט פון ברויט
און פון אַ גרינגן, זילבערנעם טויט.

ס׳קלינגען אָפּ טריט אין דער נאַכט. ווער גייט?
אַ יונגער גייער גייט
פאַרגאַרטלט מיט רויטן סעפּטעמבער־ווינט
דאָס גראָע צעריסענע קלייד.
ביים קליינעם פענסטערל בלייבט ער שטיין
און מורמלט טרויעריק צו זיך אַליין:

„שיינע מרים, דיין פאָטער איז רייך —
זיין מיל, זיין טייך, זיין פעלד!
און איך האָב דעם שטעקן און דעם שליאַך,

וואָס פירט אין דער ווייטער וועלט.
און ליבע איז פייער און ליבע איז ווינט,
זאָל גאָט דיך באַהיטן, דו גאָלדן קינד!"

אַ גאָלדענער שטערן לעשט זיך אויס
און צינדט זיך אין פענסטער אָן,
און איבער די וועגן פלאַטערט ווילד
אַ קרוין פון רויטן מאָן.
„ליבע איז פייער, ליבע איז ווינט.
זאָל גאָט דיך באַהיטן, מיין גאָלדן קינד!

דעם מילנערס טאָכטער שמייכלט אין שלאָף
און אָטעמט, אָטעמט טיף.
פאַר אירע אויגן ציטערט לאַנג
אַ דינער זיידענער בריוו.
זי שטרעקט אויס איר קליינע ווייסע האַנט —
— פאַרפליגן, פאַרפליגן אין דעמערלאַנד.

אויפן באַרג שטייט די שוואַרצע מיל
און חלומט פון גאָלדענעם קאָרן.
אין פענסטער ציטערט די האַלב-לבנה —
אַ דינער זילבערנער האָרן,
און אונטער די רעדער חלומט דער ווינט
פון אַ טרויעריק-שיינעם קיסר-קינד.

בערל בראָדער געזעגנט זיך מיט זיינע תּלמידים איז יאַס

דער אַלטער בערל בראָדער
פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג
און טוט זיך פאַרן עולם
אַן עלעגאַנטן נויג.
אמר, טוט ער זאָגן:

איך נעבעך אָרעמער וועכטער
היט אָפּ אַ פרעמדע נאַכט.
איך געדענק שוין נישט די מאַמע,
וואָס האָט מיך אויסגעטראַכט —
אמר, טוט ער זאָגן.

איך געדענק שוין נישט די יאָרן,
זינט איך בין אַוועק פון בראָד.
איך נעבעך אָרעמער טרעגער
טראָג טיף אין זיך אַ סוד —
אמר, טוט ער זאָגן.

די שטאָט, וווּ איך בין געבוירן,
געדענק איך שוין נישט מער.
דעם וועג האָב איך פאַרלוירן,
וואָס האָט מיך געבראַכט אַהער —
אמר, טוט ער זאָגן.

דאָ, ווו ס׳שפּילט דער ציגיינער
און יידן טרינקען וויין
און בראָטן פלייש אויף קוילן,
דאָ וויל איך באַגראָבן זיין —
אמר, טוט ער זאָגן.

און איצט, מיינע גאָלדענע קינדער,
ווען כ׳וועל פון אייך אוועק
זיך זען מיט מיין זיידנס שאָטן.
שפּינט ווייטער אייער וועג
אמר, טוט ער זאָגן.

דאָס ליד איז שיין. אָבער שענער
וועט תמיד דאָס לידל זיין,
ווען ס׳פינקלט אין האַרץ דער טרויער
און ס׳זינגט אין כּוס דער וויין —
אמר, טוט ער זאָגן.

בראָד האָט אַ קנייטש אין שטערן
און יאַס אַ פריילעך געמיט,
רופט זשע מיך בערל יאַסער,
ווי איך בין אַ ייד —
אמר, טוט ער זאָגן.

און איצט, מיינע גאָלדענע קינדער,
איצט זאָל שוין זיין גענוג.
אַז מען ענדיקט אַ ליד באַצייטנס,
איז דאָס אי שיין אי קלוג —
אמר, טוט ער זאָגן.

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט 5
מיט שטילע טריט 7
א טונקעלע האַנט 9
איך דער טרובאַדור 11
די באַלאַדע פון דער זונה און דעם
שלאַנקן הוזאַר 13
אַלטמאָדישע באַלאַדע 16
די באַלאַדע פון דעם הויקער 19
די נאַכט די שוואַרצע 21
ווי א מערדער 22
די באַלאַדע פון דעם אַלטן גראף 24
איך בין דער האַרבסט 26
שפינט די גראָע דעמערשפין 28
שפיטאָל-באַלאַדע 30
די באַלאַדע פון דעם ייד וואָס איז
געפאָרן אויפן יריד 33
איך בין דער וועג קיין מערב 36
האַרבסט-באַלאַדע 38
אָקטאָבער 40
סעפּטעמבער 42
דעמערונג-באַלאַדע 44
פון פראָסטן לייוונט 46
סיפיליס 47

ז״ט

שלימזל	48
מאָדנע שטיל	49
איציק מאנגער	50
ציגײַנער-באַלאַדע	51
פאַרגראָבן מײַן געװײן	55
די באַלאַדע פון דעם יינגן סאָלדאַט און דעם בעקערס טעכטערל	56
כעלעמער באַלאַדע	58
ב׳װעל אױפשטײן מאָרגן	60
צו װײַסטו װער דער װאָלקן	62
שלאָפליד	64
בעטלער-לעגענדע	66
די באַלאַדע פון דעם פּאָדעלאָיער רב	69
די באַלאַדע פון דעם הײליקן אָונטערװיט	72
די באַלאַדע פון דער װערבע	74
באַלאַדע	77
שטערן-גלױבער	80
װינט — מײַן חבר, חעג	81
נאָװעמבער באַלאַדע	83
די באַלאַדע פון דער לעצטער קיניגין	86
איך דער פּרינץ	88
די באַלאַדע פון די בלאָע קרינגלעך	90
די באַלאַדע פון דעם שנירל שטערן	94
האַרבסט	97
אײנזאַם	69
באַלאַדע אין צען-דור	101
סאַנקט בעש״ט	105
לבנה-באַלאַדע	108
מלחמה-באַלאַדע	111

זייט

די תפילה פון איוואַן דעם שכור	113
די באַלאַדע פון דעם בעטלער מיט דעם זיידענעם העמד	116
די באַלאַדע פון דעם אַלטן פישער	120
די באַלאַדע פון דעם שטערנטיכל	123
די באַלאַדע פון דעם האָלצהאַקער	125
סטעפּ-באַלאַדע	127
די באַלאַדע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער מיט דער לבנה	130
באַלאַדע ערּאָטיקאַ	132
די פּאַרלאָזטע	134
איך שטיי באָרוועס און דרייסט	136
באַלאַדע אין דע-מאָל	137
בערל בראָדער געזעגנט זיך מיט זיינע תּלמידים אין יאַס	139

פאַרלאַג „טורעם“, וואַרשע

פרידריך ניטשע:

עקצע האָמאָ (אויטאָביאָגראַפיע) יידיש נ. אייבעשיץ 5.—

דיאָניזאָס-דיטיראַמבן " " 1.70

סטעפאַן צווייג:

אַמאָק (נאָוועלן פון אַ ליידנשאַפט) יידיש ח. בראַקאַזש 7.20

ירמיהו (דראַמאַטישע דיכטונג) " " 5.—

יחיאל לערער:

שטילקייט אין שטורעם (געזאַנגען) 3.—

יעקב פרעגער:

שלמה המלך (דראַמאַטישע פּאָעמע) 4.—

ש. בערלינסקי:

צו אַ נייער וועלט (נאָוועלן) 3.—